מיוחד! - תורה נ"ד
'התורה הזמנית'

בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע
מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל
מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ אידיש ~

קונטרס ה' - פרשת וארא בא תשע"ח

# תוכן השיעור

**זכרון 'עלמא דאתי'!**

**ארויפגיין אן קיין אפהאלט...**

**'רמזים' פון אויבן!...**

**עוסק זיין אין 'עשיית הטוב'...**

**'במופלא ממך אל תדרוש'!**

**הצדיק משפיע לכנסת ישראל**

**כל דבר יש לו 'שעה'...**

**'יפה עינים וטוב רואי'**

**זיך היטן פון 'דמיונות'...**

**'שיין' – אבער 'אמת'!...**

**'גזירת פרעה'!**

**'כח השמחה'!**

**להיות 'יודע נגן'!**

**די 'כלי' דארף זיין 'בשלימות'!...**

**לשמור את עיניו מ'חיזו דהאי עלמא'!**

**'לברר' הטוב מן הרע...**

**דער 'כנור של דוד' וועקט...**

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלים בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס

מאנסי, נוא יארק

**(+1) 845-200-0443**

**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**

בס"ד

# שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן, תורה נ"ד

[מתוך הקלטות מספר; ‎#205, #206, #207, #208‎ (חודש חשון שנת תשל"ז),
בכמה מקומות חסר הביאור על חלקים מהתורה בלקו"מ, וכדי שלא יחסר המזג השלמנוהו
מתוך ההקלטות של שנת תשל"ח, כמו שצויין בפנים]

## זכרון 'עלמא דאתי'!

ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ד:

**וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים, וּפַרְעֹה חֹלֵם וְהִנֵּה עֹמֵד עַל הַיְאֹר, וְהִנֵּה מִן הַיְאֹר עֹלֹת שֶׁבַע פָּרוֹת וְכוּ' (בְּרֵאשִׁית מ"א):**

**ה' אֱלֹקַי גָּדַלְתָּ מְאֹד, הוֹד וְהָדָר לָבָשְׁתָּ, עֹטֶה אוֹר כַּשַּׂלְמָה, נוֹטֶה שָׁמַיִם כַּיְרִיעָה (תְּהִלִּים ק"ד):**

**[אות א']**

זאגט דער רבי, **כִּי צְרִיכִין לִשְׁמֹר מְאֹד אֶת הַזִּכָּרוֹן** - מען דארף זייער היטן דעם זכרון, **שֶׁלֹּא יִפֹּל לְשִׁכְחָה** - ער זאל נישט ארייּנפאלן אין שכחה, **בְּחִינַת מִיתַת הַלֵּב.**

וואס זאל ער געדענקען? - **וְעִקַּר הַזִּכָּרוֹן הוּא לִזְכֹּר תָּמִיד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי שֶׁלֹּא יִהְיֶה בְּדַעְתּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁאֵין עוֹלָם אֶלָּא אֶחָד** - אה! תמיד געדענקען דעם 'עלמא דאתי', דאס איז דער עיקר זכרון! איינער האט א גוטע זכרון - - - דער עיקר זכרון איז געדענקען 'בעלמא דאתי'!

**וְעַל יְדֵי מַה שֶּׁמְּדַבֵּק מַחֲשַׁבְתּוֹ בְּעָלְמָא דְּאָתֵי, עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה יִחוּד ה' אֱלֹקַי הַנַּ"ל,** - די 'צוויי שמות', מען איז מייחדביידע עולמות - 'דעם עולם', דער שם "אלוקים" איז 'מלכות', דער הנהגה פון דער וועלט. און מיט די שם "הוי'", איז מען מייחד די צוויי שמות - דאס איז צוויי עולמות!

(**כִּי ה' אֱלֹקִים הוּא בְּחִינַת שֵׁם מָלֵא, שֶׁהוּא בְּחִינַת עָלְמָא דְּאָתֵי כַּמּוּבָא,** דער עיקר שלימות איז, אז מען זאל אין 'דער וועלט' דעם אויבערשטן מייחד זיין, א יחוד פון 'דעם עולם' מיט 'יענעם עולם'. **וְכֵן מְבֹאָר בְּסָבָא מִשְׁפָּטִים דַּף צ"ח עַל פָּסוּק זֶה ה' אֱלֹקַי דָּא שֵׁרוּתָא**

**דִּמְהֵימְנוּתָא** - דער אנהויב אמונה, **סְלִיקוּ דְּמַחֲשָׁבָה דְּעָלְמָא דְּאָתֵי** - דער מחשבה גייט ארויף און טראכט פון 'עלמא דאתי', דאס איז "ה' אלוקי").

דאס איז נישט קיין קלייניגקייט, אז דער מחשבה טראכט פון עלמא דאתי, ווערט א יחוד "ה' אלוקי", ער טראכט אז ס'איז דא נאך א וועלט! אז ס'איז דא נאך א וועלט איז שוין אינגאנצן עפעס אנדערש, ס'איז דא א דין וחשבון, ס'איז דא אן עבודה, ס'איז דא א גן עדן - ס'איז דא א גיהנם! אז ער טראכט אז ס'איז דא נאך א וועלט, איז שוין עפעס אנדערש!

אז ער מיינט אז דא איז די איינע וועלט - איז נישטא קיין 'יראה', קיין 'דין וחשבון', ס'איז גארנישט דא - דאס איז עס און שוין! שטארבט ער, אזוי ווי א בהמה, א פערד. אבער אז דער מחשבה טראכט פון עלמא דאתי, איז ער מייחד די צוויי שמות, דאס הייסט 'שם מלא'.

אויב דער אויבערשטער איז נאר 'דארטן' ביי די מלאכים, אדער - נאר 'דא' אליין, איז נישט קיין 'שם מלא', שם מלא איז - אז מען איז מייחד די וועלט מיט יענע וועלט, אז ער איז דא אויף די וועלט - און טראכט פון יענע וועלט, דאס איז דער שם מלא!

*

אה! וואס מען קען זוכה זיין אין איין רגע, אויפהייבן די אויגן צום אויבערשטן, עס שטייט דאך אין תיקונים (תיקון מ"ט), אז **'שמע' מאכט ש'או מ'רום ע'יניכם** (ישעי' מ' כ"ו), קבלת עול מלכות שמים איז דאס קוקן אויפ'ן הימל, **שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה**, דאס איז שוין גאר עפעס אנדערש. אויפהייבן די אויגן צום אויבערשטן איז שוין עפעס אנדערש!

אין א מכתב (מכתבי מוהרנ"ט ו') שרייבט ר' נחמן טולטשינער צו ר' יחזקאל העשיל; אפילו דו וועסט נישט רעדן קיין דיבורים - אויפהייבן די אויגן צום אויבערשטן איז אויך א ענין גדול מאד! אויפהייבן די אויגן צום אויבערשטן![א]

* * *

## [אות ב']

**זאגט דער רבי, וּבְחִינָה זוֹ, לִזְכֹּר תָּמִיד בָּעוֹלָם הַבָּא, דְּהַיְנוּ לְאַדְבָּקָא מַחֲשַׁבְתֵּהּ בְּעָלְמָא דְּאָתֵי, הוּא בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת. בִּכְלָלִיּוּת, כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת מִנְהַג יִרְאֵי הַשֵּׁם**

[א] וז"ל שם, ... דַע יְדִידִי אֲשֶׁר אִם יְכוֹלִין לִשְׁפֹּךְ לְבָבוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ בְּוַדַּאי מַה טּוֹב, הֵן בִּתְהִלִּים וְהֵן בִּתְפִלּוֹת וּבְהִתְבּוֹדְדוּת כַּאֲשֶׁר לִמְּדָנוּ אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, אַךְ אִם הַלֵּב אָטוּם וְאֵין מִלָּה בְּפִינוּ בִּבְחִינַת אֵין לִי פֶּה לְדַבֵּר וְכוּ' שֶׁאָמְרוּ וְצָוְחוּ הַקַּדְמוֹנִים, **אָז הָעִקָּר לִשָּׂא עֵינֵינוּ לַמָּרוֹם, אֲשֶׁר זֹאת יָקָר אֶצְלוֹ יִתְבָּרַךְ בְּלִי שִׁעוּר** כַּמְבֹאָר בְּדִבְרֵי נְבִיאִים וּבְדִבְרֵי חֲכָמֵינוּ זַ"ל. אַךְ אֵין הַפְּנַאי מַסְכִּים לְהַאֲרִיךְ. וְכַאֲשֶׁר הִרְבָּה לְדַבֵּר מִזֶּה מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי נָתָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה עַל פָּסוּק סוֹד ה' לִירֵאָיו וְכוּ' וְכוּ' וְלָהֶם גִּלָּה גֹּדֶל רַחֲמָיו וַחֲסָדָיו. וְעַל יְדֵי זֶה "עֵינַי תָּמִיד אֶל ה' כִּי הוּא יוֹצִיא מֵרֶשֶׁת רַגְלַי" בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת בְּגוּף וָנֶפֶשׁ וּבְמָמוֹן...

תֵּכֶף בַּבֹּקֶר בַּהֲקִיצוֹ, קֹדֶם שֶׁיַּתְחִיל שׁוּם דָּבָר, יִזְכֹּר מִיָּד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי, די ערשטע מחשבה וואס א מענטש האט ווען ער כאפט זיך אויף - ער זאל שוין געדענקען פון עלמא דאתי!

ברענגט ר' אברהם ר' נחמן'ס אין 'ביאור הליקוטים' (תו' נ"ד אות ב') אז דער רבי זאגט דאך ווייטער אז 'שינה' איז עלמא דאתי, קומט דאך אוים אז בשעת שינה איז דער מענטש אין עלמא דאתי, איז אז ער כאפט זיך אויף - זאל ער נישט איבערהאקן די עלמא דאתי, ער זאל ווייטער גיין, ער זאל נישט אפהאקן, אז ער געבט א האק אפ איז שווער צו כאפן אויף צוריק!

*

# ארויפגיין אן קיין אפהאלט...

דער רבי רעדט דאך פון אידן וועלכע זענען מאמינים בה', אוודאי איז דא חילוקים בהדביקות בעלמא דאתי, אבער א איד איז פארט מקיים תורה ומצוות, ער לייגט תפילין, וואשט זיך צום עסן, מאכט א ברכה, ער לערנט, איז אין זיין ערך איז ער א בחינת עלמא דאתי.

עס שטייט אין זוהר הק', אויב די נשמה איז א 'נשמה טהורה', לויפט זי ארויף העכער און העכער, מען שטעלט זי נישט אפ, זי האלט אין איין לויפן, אויב נישט - שטעלט מען איר אפ, מען לאזט איר נישט גיין ביז ארויף! (עי' זוה"ק פרשת מקץ דף ר' ע"א).

אבער וויפיל דו טוסט - עפעס גייט ער דאך אין עלמא דאתי, מען זעהט דאך אז די נשמה איז א נשמה טהורה, א נשמה קדושה, לויפט זי ארויף, קיינער האלט איר נישט אפ - אויב זי האט נישט פון דער וועלט קיין זאך, קיין שום גראבקייט וואס זאל זי פארהאלטן אז זי זאל נישט קענען לויפן אויבן.

דער רבי ר' אלימלך האט געזאגט; כל ימיו איז זיין עבודה נאר, אז ער זאל קומען דארטן - זאל איהם קיין שום זאך נישט קענען איהם אויפהאלטן, ער זאל גיין ארויף ווי ער דארף גיין![ב]

די מעשים פון דער וועלט, דאס האלט אויף, ער קען נישט לויפן אין די עולמות - דאס איז לאחר הסתלקותו, און בחייו איז אויך אזוי, ער וויל זיך מדבק זיין - עס באהעפט זיך נישט. ביים דאווענען - ער וויל, ער וויל, ס'איז דא זאכן וואס לאזן נישט!

---

[ב] עי' בספרו הק' נועם אלימלך סו"פ בשלח, ד"ה זכור את אשר לך עמלק. וז"ל שם: ...והיה בהניח ה' מכל אויבך מסביב, פירוש דאויבים של אדם הם עונותיו, וצריך האדם לשוב להבורא ברוך הוא למען ינוח ויסלק את אויביו מעליו, שלא יבואו ביום פקודתו ולא יניחו אותו לבא לגן עדן, כי הם המסבבים הגן עדן, כמ"ש וישכן מקדם לגן עדן את להט החרב המתהפכת. וכאשר תזכה לשוב בתשובה שלימה, והיה בהניח ה' וכו' מכל אויביך מסביב בארץ, פירוש שהיה סביב לארץ עליונה הוא הגן עדן...

אוודאי, מען זאל זיך נישט מייאש זיין, מ'זאל רעדן צום אויבערשטן, חרטה האבן, בעטן, דערציילן אלעם דעם אויבערשטן; וואס זאל איך טון?! איך וויל דאך אבער פארט דאווענען, איך וויל דאך אבער פארט לערנען!

אבער דער וואס איז טאקע אן איש כשר - דער 'מוחין' גייט איהם! ווער לאזט איהם נישט?! נאר די 'גשמיות' לאזט נישט, אבער ער האט נישט אין זיך גארנישט וואס זאל איהם פאַרהאַלטן, גייט ער ווייטער!

*

'כך ראוי', 'אזוי איז ראוי' - זאגט דער רבי - 'להיות מנהג יראי השם תיכף בבוקר בהקיצו, קודם שיתחיל שום דבר, יזכור מיד בעלמא דאתי', דער רבי זאגט; 'תיכף בבוקר', אבער אז דער אויבערשטער העלפט א אידן אז ער שטייט נאך אויף ביינאכט, איז דאך אוודאי א גוטע זאך, זאל ער אוודאי האבן - די ערשטע געדאנק זאל שוין זיין 'בעלמא דאתי'!

דאס הייסט בכלל, עס גייט זיך א טאג, 'א גאנצע טאג' - - **וְאַחַר כָּךְ יַעֲשֶׂה זֹאת בִּפְרָטִיּוּת**, דורכ'ן טאג, ער גייט טוהן - זיך וואשן, עסן, טרונקען, זאל ער זיין מחובר אין עלמא דאתי!

*

עס ווערט געבראכט, אז א מענטש דארף 'איינשלאפן' אויך מיט עלמא דאתי, א מענטש דארף איינשלאפן מיט גוטע געדאנקען, ער דארף רעדן צום אויבערשטען גוטע געדאנקען ביז ער ווערט פארשלאפן! אז ער וועט איינשלאפן מיט גוטע געדאנקען איז דער שלאף א 'גוטע שלאף', אז ער כאפט זיך אויף - איז ווייטער עלמא דאתי, אזוי גייט א קייט, עס ציהט זיך! אבער אויב פאר'ן שלאף טראכט ער מיט דמיונות, און שלאפט איין מיט'ן דמיון, כאפט ער זיך אויף מיט דמיונות.[ג]

*

**כִּי כָּל הָעוֹלָם הַזֶּה, הוּא הִתְלַבְּשׁוּת מַדְרֵגוֹת הַתַּחְתּוֹנוֹת שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה, הַיְנוּ בְּחִינַת רַגְלִין שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָה ס"ו) "וְהָאָרֶץ הֲדֹם רַגְלָי". אַף שֶׁגַּם מַדְרֵגוֹת הָעֶלְיוֹנוֹת שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה, יֵשׁ מֵהֶם גַּם כֵּן הִתְגַּלּוּת בָּעוֹלָם הַזֶּה. אַךְ שֶׁאֵין הַהִתְגַּלּוּת מִתְלַבֵּשׁ בְּעֶצֶם בְּזֶה הָעוֹלָם, כִּי אִם הֶאָרָה שֶׁמֵּאִיר בִּבְחִינַת רַגְלִין** - דורך די רגלין גייט עס, **אֲבָל בְּחִינַת רַגְלִין, מִתְגַּלִּין בְּעֶצֶם בְּזֶה הָעוֹלָם**, ס'איז די גאנצע קומה, אזוי ווי דער מענטש - דער קלענסטע זאך איז דאך די רגלין, פונדעסטוועגן איז די גאנצע קיום פונעם

---

[ג] עי' ליקוטי תפלות כאן: ... וְתִהְיֶה בְּעֶזְרִי וּתְזַכֵּנִי לְהַמְשִׁיךְ עָלַי קְדֻשָּׁה גְּדוֹלָה קֹדֶם הַשֵּׁנָה, עַד שֶׁאֶזְכֶּה לִישֹׁן בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה גְּדוֹלָה, וּשְׁנָתִי תֶּעֱרַב לִי, עַד שֶׁאֶזְכֶּה עַל־יְדֵי הַשֵּׁנָה שֶׁתַּעֲלֶה נִשְׁמָתִי וְתִתְדַּבֵּק בְּעַלְמָא דְאָתֵי, עַד שֶׁתִּהְיֶה מַחֲשַׁבְתִּי דְּבוּקָה בְּעַלְמָא דְאָתֵי תָּמִיד...

מענטש דורך די רגלין, דער מענטש שטייט אויף די פיס! אזוי אויך, 'מלכות' איז די קלענסטע ספירה אבער אלעם שטייט אויף איר, די רגלין איז די קלענסטע זאך, אבער אזוי שטייט די מענטש - אויף די רגלין! אלע מידות - די גאנצע קומה - שטייט אויף די רגלין, די קאפ - - אז די רגלין זענען נישט בסדר קען ער נישט האלטן דעם קאפ!

*

## 'רמזים' פון אויבן!...

זאגט דער רבי - **וְכָל יוֹם יֵשׁ בּוֹ מַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה.** אַה, יעדע ווארט וואס דער רבי זאגט דא, יעדער טאג איז דא מחשבה און דיבור און מעשה, איינס פון די דריי זאכן איז תמיד ביי דעם מענטשן דא; אדער ער 'טראכט', אדער ער 'רעדט', אדער ער 'טוהט', עס קען אנדערש נישט זיין, 'מחשבה דיבור ומעשה' איז תמיד דא.

**וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְצַמְצֵם אֱלֹקוּתוֹ מֵאֵין סוֹף עַד אֵין תַּכְלִית, עַד נְקֻדַּת הַמֶּרְכָּז שֶׁל עוֹלָם הַגַּשְׁמִי שֶׁעוֹמֵד עָלָיו, וּמַזְמִין לוֹ לְכָל אָדָם מַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה, לְפִי הַיּוֹם וּלְפִי הָאָדָם וּלְפִי הַמָּקוֹם**, אה, א געוואלד, א געוואלד! מ'דארף האבן אמונה אין די ווערטער! דער אויבערשטער איז זיך מצמצם יעדן טאג צו יעדער מענטש (להזמין לו -) 'מחשבה דיבור ומעשה'! דער אויבערשטער איז זיך מצמצם - דער 'אין סוף עד אין תכלית' - צו יעדן מענטשן, ווענדליג דער 'טאג', ווענדליג דער 'מענטש', און ווענדליג דאס 'ארט'! אז ער קומט אויף דעם ארט - קומט אן אנדערע געדאנק, א אנדערע מחשבה.

אז דער מענטש זאל זיך גוט צוקוקן וועט ער זעהן - אז וואו ער שטייט, וואו ער גייט, און אין וואספארא ארט ער איז - איז דארטן דער אויבערשטער איהם מרמז רמזים! דער אויבערשטער איז זיך מלביש אין איהם, ס'איז א לבוש, ס'איז פארדעקט, ס'איז א לבוש! ער זאל גוט אריינקוקן וועט ער זעהן רמזים!

די צדיקים האבן טאקע געזעהן, זיי זענען כסדר געווען דבוק אינעם אויבערשטן, זיי האבן געזעהן אז דער אויבערשטער איז זיך מלביש צו זיי, אז ער טראכט - זעהט ער דארטן (- רמזים), ער רעדט, ער קוקט, ער גייט - - ווי ער גייט זעהט ער אלס דארטן רמזים וואס מען איז איהם מרמז.

**וּמַלְבִּישׁ לוֹ בְּזֹאת הַמַּחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה שֶׁמַּזְמִין לוֹ רְמָזִים כְּדֵי לְקָרְבוֹ לַעֲבוֹדָתוֹ,** דער אויבערשטער איז מזמין יעדעם איינעם אזעלכע געדאנקען, אזעלכע דיבורים, אזעלכע רמזים, כדי ער זאל איהם מקרב זיין לעבודתו.

נאר וואס דען?! דער מענטש איז נישט מעמיק דערינען, **בְּכֵן** - זאגט דער רבי - **צָרִיךְ לְהַעֲמִיק מַחֲשַׁבְתּוֹ בָּזֶה**, דער מענטש האט דאך מחשבות, ער האט דאך מחשבות, זאל ער מעמיק זיין די מחשבה אין דער זאך, דער אויבערשטער איז זיך דאך מצמצם פונעם אור אין סוף, און ער איז מיר מזמין - אין דער מחשבה מיינע - איז ער 'מזמין רמזים לקרבו'! גיי איך רעדן א דיבור, איז דער אויבערשטער מלביש אין דעם דיבור 'לקרבו', וויל איך עפעס טוהן, ליגט דארט אין דעם רמזים! זאל ער מעמיק זיין מחשבתו בזה - **וּלְהַגְדִּיל בִּינָתוֹ, וּלְהָבִין מַהוּ הָרְמִיזוֹת בִּפְרָטִיּוּת שֶׁמְּלֻבָּשׁ בְּזֹאת הַמַּחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה שֶׁל זֶה הַיּוֹם, שֶׁהִזְמִין לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.**

**הֵן מְלָאכָה**, איינער א 'בעל מלאכה' - קען ער נישט זאגן; "איך קען נישט דינען דעם אויבערשטן", ווייל דארטן איז איהם דער אויבערשטער אויך מלביש רמזים! **אוֹ מַשָּׂא וּמַתָּן**, איך בין אן 'איש משא ומתן', איז ווי קען איך - - - ניין! דארטן איז אויך דא רמזים פונעם אויבערשטן! **וְכָל מַה שֶּׁמַּזְמִין לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם, צָרִיךְ לְהַעֲמִיק וּלְהַגְדִּיל מַחֲשַׁבְתּוֹ בָּזֶה, כְּדֵי לְהָבִין רְמִיזוֹתָיו שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.**

אוודאי איז דאס א גרויסע זאך, אבער וואס דער מענטש היט זיך מער, ער היט זיך - (אז זוכה להבין הרמזים יותר)!

*

# עוסק זיין אין 'עשיית הטוב'...

דער רבי האט געזאגט אזוי; **איר טוט גוטס!! דאס גוטס וועט בלייבן, די שלעכטס וועט אראפפאלן!** (עי' חיי מוהר"ן אות תמ"ז). דער רבי האט געהאלטן פון 'עשיית הטוב'! תורה, תפילה, מצות, צדקה! דו 'טוה', זיי מרבה בטוב!

ער פלעגט תמיד רעדן - ר' שמואל הורביץ ע"ה, ער איז דאך געווען א מקובל - - אז מען טאר נישט אנהויבן ביי 'רע', אז איך וועל ווילן מלחמה האלטן מיט'ן 'רע', וועט די 'רע' מיר נישט לאזן! דער עיקר זאך - האט דער רבי געזאגט - דו נעם דעם 'כלי זין' פון עשיית הטוב[ד], טוה טוב

[ד] עי' ספר המדות ערך ניאוף י'; לֹא תִכָּנֵס עִם פִּתּוּיֶיךָ בְּטוֹעֵן וְנִטְעָן, כִּי אֲרִיכַת הַרְגָּשַׁת הַחוֹשֵׁב אֲפִלּוּ לִבְחִינַת הַשּׁוֹלֵל תִּפְעַל הַגְבָּרַת הַחֵפֶץ וְתִתְהַפֵּךְ הָרָצוֹן אֵלָיו.

ועי' גם ליקוטי עצות ערך מחשבות והרהורים אות ח' וז"ל; יֵשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁיֵּשׁ לָהֶם הִרְהוּרֵי עֲבוֹדָה זָרָה אוֹ הִרְהוּרֵי נִאוּף וּמִתְגַּבְּרִים עֲלֵיהֶם בְּיוֹתֵר בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה. וְיֵשׁ שֶׁבְּשָׁעָה שֶׁעוֹמְדִים לְהִתְפַּלֵּל, מִזְדַּמְּנִים לִפְנֵיהֶם דִּמְיוֹנוֹת כְּאִלּוּ עוֹמֵד לִפְנֵיהֶם דְּמוּת עֲבוֹדָה זָרָה אוֹ שְׁאָר דִּמְיוֹנוֹת רָעִים, וּמְבַלְבְּלִים אוֹתָם מְאֹד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה וְיֵשׁ לָהֶם יִסּוּרִים גְּדוֹלִים מֵהֶם, וְרוֹצִים לְהִתְגַּבֵּר מְאֹד לְהַעֲבִיר אוֹתָם הַמַּחֲשָׁבוֹת מִדַּעְתָּם, וְזוֹרְקִים רֹאשָׁם הֵנָּה וָהֵנָּה. אֲבָל דַּע שֶׁכָּל מַה

- די שלעכטס וועט ממילא אראפפאלן! דו קענסט זיך נישט נעמען מיט'ן רע - שלאגן זיך מיט'ן רע אליין, דער רע איז שטארקער פון דיר! האט דער רבי אזוי געזאגט 'איר טוט גוטס, דאס גוטס וועט בלייבן, די שלעכטס וועט ממילא אראפפאלן'!

פלעגט ער תמיד רעדן (- ר' שמואל הורביץ), תמיד ווען ער פלעגט לערנען - פלעגט ער תמיד רעדן די זאך, ער איז דאך געווען א מקובל, האט ער תמיד גערעדט - אז עפעס אזוי ווערט געבראכט, אז מען קען זיך נישט שלאגן מיט'ן רע אליין, די רע האט א געוואלדיגע כח, דו נעם נאר דעם 'כלי זין' פון עשיית הטוב; לערן, לערן, דאווען, טוה און טוה און טוה! די שלעכטס וועט ממילא אראפפאלן - דאס טוב וועט בלייבן!

דאס איז אינגאנצן דעם רבינ'ס זאך געווען, דו טוה נאר, דו טוה, דורך תפילה, התבודדות, דאס איז דאך אלס עשיית הטוב, טוה! רעד דיך אויס פאר השי"ת; 'ער לאזט נישט', 'ער לאזט נישט' - דערצייל איהם! אבער נישט שלאגן זיך מיט'ן רע - פלעגט ער תמיד רעדן די זאך, אז מען קען זיך נישט שלאגן מיט'ן רע, נאר דו נעם די 'כלי זין' פון עשיית הטוב, וועט יענץ אראפפאלן.

*

דערפאר טאקע - די צדיקים האבן געזאגט צום רבי'ן אז זיי זענען נישט געקומען צו זייער זאך נאר דורך 'התבודדות', 'תפילה'! (עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה, וסי' ק'). נאר אנגעהויבן מיט דער זאך - 'עשיית הטוב', מרבה געווען בתורה ותפילה - איז יענץ געפאַלן.

אוודאי, דער 'עשיית הטוב' איז אויך זייער שווער, דורך די 'רע' - איז די 'טוב' שווער, דער 'רע' איז מבלבל דעם 'טוב' אויך, דארף מען טאקע האבן 'התחזקות', 'זיי דיך נישט מייאש', דער רבי האט געזאגט; 'זייט אייך נישט מייאש' - האט דער רבי געזאגט - אויך אויף עשיית הטוב, 'זייט אייך נישט מייאש', טוה, טוה, טוה! איי, ער לאזט נישט טוהן?! דו טוה! זיי דיך נישט מייאש! האלט זיך, האסט נישט קיין אנדערע עצה - דאס איז דיין עצה!

---

שֶׁיֵּשׁ לָהֶם יִסּוּרִים יוֹתֵר וְכָל מַה שֶּׁהֵם מִתְגַּבְּרִים בְּיוֹתֵר לְהַעֲבִירָם מִדַּעְתָּם, יוֹתֵר וְיוֹתֵר הֵם מִתְגַּבְּרִים אֵלּוּ הַבִּלְבּוּלִים רָעִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת, כִּי כָּךְ טִבְעָם, שֶׁכָּל מַה שֶּׁחוֹשְׁבִים עֲלֵיהֶם יוֹתֵר לִדְחוֹתָם הֵם כְּרוּכִים אַחֲרָיו יוֹתֵר. עַל־כֵּן עִקַּר הָעֵצָה לִבְלִי לְהַשְׁגִּיחַ עֲלֵיהֶם כְּלָל וְשֶׁלֹּא יִכְפַּת לֵהּ כְּלָל מַה שֶּׁעוֹמְדִים לְפָנָיו אֵלּוּ הַדִּמְיוֹנוֹת וְהִרְהוּרִים וְלֹא יִשְׁמַע אוֹתָם כְּלָל, רַק יַעֲשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ בַּמֶּה שֶׁהוּא עוֹסֵק בְּתוֹרָה אוֹ תְּפִלָּה אוֹ מַשָּׂא וּמַתָּן וְלֹא יַשְׁגִּיחַ עֲלֵיהֶם כְּלָל וְלֹא יַבִּיט לְאַחֲרָיו אִם נִסְתַּלְּקוּ מִמֶּנּוּ, רַק יַעֲשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ בַּמֶּה שֶׁהוּא עוֹסֵק וּבָזֶה יִסְתַּלְּקוּ מִמֶּנּוּ מִמֵּילָא. אַךְ זֶה הוּא רַק עֵצָה לְפִי שָׁעָה, וְהָעִקָּר שֶׁצָּרִיךְ לְקַדֵּשׁ וּלְטַהֵר גּוּפוֹ, וְיֵלֵךְ אֵצֶל צַדִּיקֵי אֱמֶת וְיוֹרוּ לוֹ דַּרְכֵי הָאֱמֶת, אָז יִסְתַּלְּקוּ מֵעָלָיו בְּתַכְלִית. (עפ"י ליקוטי מוהר"ן תו' ע"ב, ועי' גם ליקוטי מוהר"ן תו' רל"ג).

די וואס זענען געגאנגען בתמימות - געפאלגט דעם רבי'ן בתמימות ופשיטות, האבן טאקע געמאכט גוט, געווארן גרויסע ערליכע אידן, 'בתמימות ופשיטות' - וואס דער רבי זאגט! איך וויל נישט מאכן קיין חכמות - פארדרייעכץ!

דו זיי עוסק 'בעשיית הטוב', מיט וואס דו קענסט מאכן מער 'עשיית הטוב', פארשטייט זיך טאקע - נישט רעדן 'דברים בטלים', אפילו ס'איז נישט קיין 'לשון הרע', ס'איז נישט קיין 'רע גמור' - אבער קיין 'טוב' איז עם דאך נישט!

דאס הייסט א 'קלוגער', דאס הייסט א קלוגער, אבער אז די מח ליגט אין קטנות, אין נארישקייטן - - - דער עיקר איז די מח, די דעת, נישט זיך לאזן באנארישן... (חסר קצת)

*

# 'במופלא ממך אל תדרוש'!

**אַךְ הַהַגְדָּלוֹת הַשֵּׂכֶל בָּזֶה, צָרִיךְ לִהְיוֹת בְּמִדָּה שֶׁלֹּא יֵצֵא מִגְּבוּל הַקְּדֻשָּׁה, רַק לְפִי שֵׂכֶל אֱנוֹשִׁי שֶׁלּוֹ**, נישט יעדער איינער קען זיך אזוי מעמיק זיין און זעהן די רמזים, נאר ער זאל האבן 'אמונה', זאל ער גלייבן - קבלת עול מלכות שמים - אז דא ליגט א 'כח' פונעם אויבערשטן, א 'רמז', אז איך זאל ווערן מקורב! **רַק לְפִי שֵׂכֶל אֱנוֹשִׁי שֶׁלּוֹ, כֵּן יַגְדִּיל הַמַּחֲשָׁבָה בָּזֶה.**

**וְכֵן לֹא יִסְתַּכֵּל בָּזֶה לְמַעְלָה מִמַּדְרֵגָתוֹ**, יעדער איינער קען דאך זיך, יעדער איינער דארף זאגן אז דער אויבערשטער איז איהם מרמז רמזים - ווערליג איך בין - איך זאל ווערן בעסער! אבער איך וועל זאגן אז דער אויבערשטער איז מיר מרמז רמזים אז איך זאל קריכן אויפ'ן הימל?! דאס איז דאך א מין 'גאוה', דאס טויג שוין נישט, ער זאל נישט קוקן 'למעלה ממדריגתו'! איך ווייס דאך ביי וואס איך האלט, דער אויבערשטער איז מיר מרמז 'דארט' רמזים; זיי שענער, זיי בעסער! ווער דו ביסט - אבער פארקריכן אויף העכערס גאר, טויג עס אויך נישט, ס'איז 'למעלה ממדריגתו'!

דער אויבערשטער איז יעדעם איינעם מזמין רמזים, ווערליג דער מענטש איז - ווערליג דער מענטש איז, איז ער איהם מזמין אזעלכע רמזים אז ער זאל בעסער ווערן. ער זאל געבן א קריך ארויף אויפ'ן רגע פיל העכער?! טויג עס אויך נישט - ער קען דאך נישט קומען דערצו - טויג עס אויך נישט, **כִּי בַּמֻּפְלָא מִמְּךָ אַל תִּדְרֹשׁ** (חגיגה י"ג), דאס איז נישט שייך צו איהם!

*

דער רבי זאגט טאקע אין תורה קי"ב[ה], דער רבי זאגט דארטן 'זיך ציהען צום אמת', 'באיזה מדריגה נמוכה שהוא' - זאגט דער רבי דארטן - 'באיזה מדריגה נמוכה שהוא', אז ער וועט זיך ציהען צום אמת וועט איהם דארטן לייכטן! אבער ער זאל וויסן זיין ארט, דאס אליין איז דאך א גרויסער אמת - איך וויים ווער איך בין! איך זאל זיך געבן א שטעל אויף - איך וויים וואס - איז דאך שוין נישט קיין אמת! איז דאך שוין נישט קיין אמת! 'באיזה מדריגה נמוכה שהוא', זעה דארטן אמת - וועט דער אויבערשטער דיר לייכטן, "ה' אורי", ער וועט דיר לייכטן - וועסטו ארוים פון דעם ארט!

אפילו דער מענטש איז אין א 'מדריגה נמוכה', אויב נאר אז ער לאזט זיך נישט נאַר'ן, ער וויסט זיין ארט, איך וויים וואו איך בין - איז שוין אמת! און דער אויבערשטער לייכט איהם!

*

דער רבי האט א זאג געגעבן אויף ר' שמואל טעפליקער[ו]; **ער איז א 'נכנס ויצא בשלום'!** (מלשון הירושלמי חגיגה פרק ב' ה"א, על מדרגת רבי עקיבא). 'רבי נתן' האט נישט פארשטאנען - האט איהם דער רבי געזאגט; 'איך מיין אין זיין ערך, אין זיין מדריגה'!

ר' שמואל איז געווען - ער איז געפארן מיט'ן רבי'ן (התלווה אל רביז"ל בנסיעותיו) - מסתמא איז ער געווען א גדול, אבער ער איז דאך נישט געווען פון די גרויסע עובדים אזוי ווי ר' שמואל אייזיק, ר' יודל'ן, אבער אין זיין ערך - איז ער א 'נכנס ויצא בשלום'.

אבער אז איינער איז אין זיין ערך, און ער כאפט זיך אביסל העכער, איז שוין נישט 'בשלום'! טויג שוין נישט! פליה נישט ארויף העכער ווי (דיין ערך), אוודאי דארף איך וועלן ווערן בעסער,

[ה] וז"ל שם השייך לענינינו: ... וְעִקַּר הַכַּוָּנָה, שֶׁכַּאֲשֶׁר הוּא מְשֻׁקָּע בְּתַכְלִית הִתְגַּבְּרוּת הַחשֶׁךְ וְהַקְּלִפָּה, וְהוּא כָּלוּא וּמְסֻגָּר בְּתוֹךְ הַחשֶׁךְ אֲפֵלָה, הַמְסַבֶּבֶת וּמַקֶּפֶת אוֹתוֹ מִכָּל צִדֵּי צְדָדִים בְּכַמָּה סִבּוּבִים רַחֲמָנָא לִצְלָן, וְאֵין לוֹ שׁוּם פֶּתַח וְתַקָּנָה וְתַחְבּוּלָה לָצֵאת מִתּוֹךְ הַחשֶׁךְ. אֲזַי עִקַּר עֲצָתוֹ שֶׁיַּמְשִׁיךְ עַצְמוֹ לְהָאֱמֶת, וְיַבִּיט עַל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, וִיבַקֵּשׁ רַק הָאֱמֶת הָאֲמִתִּי. וּכְנֶגֶד זֶה אֵין שׁוּם חשֶׁךְ וְסִבּוּב שֶׁיַּחֲשִׁיךְ לוֹ, כִּי הָאֱמֶת הוּא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ, וְהוּא בְּחִינַת "ה' אוֹרִי". וְכֵיוָן שֶׁה' אוֹר לוֹ, אֵין שׁוּם חשֶׁךְ שֶׁיַּחֲשִׁיךְ אוֹתוֹ. וּבְוַדַּאי יִזְכֶּה לִרְאוֹת הַפְּתָחִים לָצֵאת מֵהַחשֶׁךְ, בִּבְחִינוֹת "פֵּתַח דְּבָרֶיךָ יָאִיר מֵבִין פְּתָיִים" כַּנַּ"ל ... וְהָעִקָּר, שֶׁבִּתְפִלָּתוֹ וּתְחִנָּתוֹ וּבַקָּשָׁתוֹ, אַף עַל פִּי שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לְדַבֵּר שׁוּם דִּבּוּר בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים, מִגֹּדֶל הַחשֶׁךְ וְהַבִּלְבּוּל הַמְסַבֵּב אוֹתוֹ מְאֹד מְאֹד מִכָּל צַד, אַף עַל פִּי כֵן, עַל כָּל פָּנִים יִרְאֶה לְדַבֵּר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת, בְּאֵיזֶה מַדְרֵגָה נְמוּכָה שֶׁהוּא. כְּגוֹן לְמָשָׁל, שֶׁיֹּאמַר: "ה' הוֹשִׁיעָה", בֶּאֱמֶת. אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְדַבֵּר בְּהִתְלַהֲבוּת וְהִתְעוֹרְרוּת כָּרָאוּי, אַף עַל פִּי כֵן יֹאמַר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת, כְּפִי מַה שֶּׁהוּא. וְעַל יְדֵי הַדִּבּוּר הָאֱמֶת, יִזְכֶּה לִרְאוֹת הַפְּתָחִים שֶׁבְּתוֹךְ הַחשֶׁךְ, וְעַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לָצֵאת מֵחשֶׁךְ לְאוֹר, וּלְהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי, וְכַנַּ"ל...

[ו] מגדולי מקורביו של רביז"ל, נלווה אל רביז"ל לשמשו בנסיעתו בשנת תקס"ז, לקרימינטשאק, נאווריטש, אוסטרהא וזסלב. כן נלווה אל רביז"ל בשנת תקס"ח בנסיעתו הארוכה ללעמבערג. נפטר בשב"ק כ"ד אייר תקצ"א. (מתוך ספר גידולי הנחל).

איך דארף וועלן ווערן בעסער, וויאזוי ער איז - זאל איך ווערן בעסער, אבער אז איך גיב זיך גלייך - ארויף הויעך, איז עס שוין נישט 'נכנס ויצא בשלום'!

*

**וְזֶה, גָּדַלְתָּ מְאֹד, הוֹד וְהָדָר לָבָשְׁתָּ,** טייטשט דער רבי אזוי, **הַיְנוּ כְּשֶׁרוֹצֶה לִקַּח דָּבָר מִזֶּה הָעוֹלָם, שֶׁהוּא בְּחִינַת: "הוֹד וְהָדָר לָבָשְׁתָּ", שֶׁהֵם בְּחִינַת רַגְלִין הַמִּתְלַבְּשִׁין בְּזֶה הָעוֹלָם,** (כִּי הָרַגְלִין הֵם בְּחִינַת נֶצַח וָהוֹד, שֶׁהֵם בְּחִינַת הוֹד וְהָדָר. וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּסָבָא הַנַּ"ל, "הוֹד וְהָדָר לָבָשְׁתָּ", אִלֵּין תְּרֵי בַּדֵּי עֲרָבוֹת וְכוּ' עַיֵּן שָׁם. שֶׁהֵם בְּחִינַת נֶצַח וָהוֹד בְּחִינַת רַגְלִין כַּיָּדוּעַ), אז דו ווילסט נעמען די רמזים פון דעם עולם וואס דאס איז 'רגלין דקדושה', **יִהְיֶה בִּבְחִינַת גָּדַלְתָּ מְאֹד. הַיְנוּ שֶׁהַהַגְדָּלַת הַשֵּׂכֶל, יִהְיֶה בְּמִדָּה וּבְצִמְצוּם. וְזֶה מְאֹד, שֶׁהוּא סִטְרָא דִשְׂמָאלָא שֶׁמִּמֶּנּוּ הַצִּמְצוּם. [כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּסָבָא שָׁם. מְאֹד, דָּא הוּא סִטְרָא דִשְׂמָאלָא]** די 'גדלת'- דאס 'הגדלת השכל' וואס דו 'גרויסט' אין דעם 'הוד והדר לבשת' - אין די 'רגלי הקדושה', זאל זיין 'מאד' - מיט א צמצום.

*

נישט יעדער איינער פארשטייט דאס דאזיגע, דער רבי זאגט נאר אז אזוי איז - אז ס'איז דא רמזים אין יעדע זאך, און מען דארף מעמיק זיין 'מחשבתו ובינתו ודעתו' דערינען, אבער נישט יעדער איינער קען דאס טוהן, זאל יעדער איינער זעהן - וועדליג זיין ערך איז - נישט ארוים פון די מדה, נישט ארוים - 'במופלא ממך אל תדרוש', מיר איז מען מרמז רמזים - וועדליג איך בין - איז מען מיר מרמז רמזים איך זאל זיין בעסער! אבער אז איך וויל זאגן אז מיר איז מען מרמז, וואס מען איז מרמז - - - וועל איך גארנישט האבן דערפון! איך קען דאך נישט לויפן אזוי פיל העכער - -

* * *

# הצדיק משפיע לכנסת ישראל

זאגט דער רבי אזוי, **וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁיּוֹדֵעַ וּמֵבִין בָּזֶה,** ער ווייסט שוין יא, ער פארשטייט שוין דערינען, ער קען שוין פארשטיין די רמזים, א 'גדול', נישט אזוי סתם, **הַיְנוּ שֶׁזּוֹכֶה לְהָבִין הָרְמָזִים שֶׁמְּרַמֵּז לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּכָל דָּבָר. וְאִם כֵּן יִרְצֶה לַעֲסֹק רַק בָּזֶה,** ער קען שוין טון אלע מיני 'משא ומתן', אז ער ווייסט די רמזים וואס מען איז איהם מרמז - קען ער דאך עוסק זיין רק בזה, **הַיְנוּ שֶׁיַּעֲסֹק רַק בְּעִסְקֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, מֵאַחַר שֶׁהוּא מֵבִין הָרְמָזִים שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְרַמֵּז בָּהֶם,** קען ער דאך עוסק זיין דארטן אויך.

אַךְ בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן, כִּי צָרִיךְ הָאָדָם שֶׁיִּהְיֶה לוֹ הִסְתַּפְּקוּת, לְהִסְתַּפֵּק מִזֶּה הָעוֹלָם, רַק בַּמֶּה שֶׁצָּרִיךְ לוֹ בְּהֶכְרֵחִיּוּת מִזֶּה הָעוֹלָם, נאר דארטן וואס ער מוז, דארטן זאל ער אריינקוקן די רמזים! אבער וועלן זאגן; ווייל איך פארשטיי שוין 'רמזים' - קען איך איינגאנצן עוסק זיין בעסקי עולם הזה, פארוואס דארף איך האבן תורה ותפילה, איך וועל דארטן אויך פארשטיין רמזים לעבודת השם, קען איך דאך זיין א בעל מלאכה א גאנצן טאג! - ניין! ער זאל האבן 'הסתפקות' - זאגט דער רבי! פארוואס? וְזֶה מֵחֲמַת שְׁנֵי טְעָמִים; א. מֵחֲמַת שֶׁזֹּאת הַקְּדֻשָּׁה הַמְּלֻבֶּשֶׁת בְּעִסְקֵי הָעוֹלָם הַזֶּה הוּא בְּחִינַת רַגְלִין וְהִיא קְדֻשָּׁה נְמוּכָה. בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים מ"ט): "עֲוֹן עֲקֵבַי יְסֻבֵּנִי". שֶׁהַקְּלִפּוֹת מְסַבְּבִין אוֹתָהּ תָּמִיד, וְרוֹצִין לִינֹק מֵהֶם עַל כֵּן הוּא מָקוֹם מְסֻכָּן, ער ווייסט טאקע רמזים, אבער דעם ארט פון 'דעם עולם' - די סטרא אחרא רינגעלט ארום דעם ארט, און זיי ווילן פון דארטן יונק זיין, איז עס א מקום מסוכן, בְּכֵן צָרִיךְ לְהִסְתַּפֵּק רַק בְּהֶכְרֵחִיּוּת. וְעוֹד - נאך א זאך זאגט דער רבי - מֵחֲמַת שֶׁיֵּשׁ עֲבוֹדָה גְּבוֹהַ מִזּוֹ, שֶׁהוּא קְדֻשָּׁה גָּבוֹהַ מִמֶּנָּה, ס'איז דא א העכערע עבודה דערפון, 'תורה ותפילה' איז העכער! וְצָרִיךְ לַעֲבֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּאוֹתָן הָעֲבוֹדוֹת וְהַקְּדֻשּׁוֹת הַגְּבוֹהוֹת מִזֶּה.

[הַיְנוּ, ר' נתן האט אביסל מער מבאר געווען - שֶׁאֲפִלּוּ הַצַּדִּיק וְהֶחָכָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ מֹחַ גָּדוֹל, עַד שֶׁיָּכוֹל לְהָבִין אֶת הָרְמָזִים שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְרַמֵּז לוֹ בְּכָל דָּבָר בְּכָל יוֹם, אֲפִלּוּ בְּעִסְקֵי חֹל וְעַל יְדֵי זֶה הוּא יָכוֹל לַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם אֲפִלּוּ בְּעִסְקֵי חֹל, וְאִם כֵּן יִרְצֶה חַס וְשָׁלוֹם לַעֲסֹק רַק בָּזֶה, דְּהַיְנוּ בְּעִסְקֵי חֹל, מֵאַחַר שֶׁהוּא יוֹדֵעַ הָרְמָזִים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם, וְיָכוֹל לְהִתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדָם, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן, כִּי אָסוּר לְהַרְבּוֹת בְּעִסְקֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, דאס רעדט מען פון אזא מין צדיק, אזא מין חכם, וואס ער קען דארטן אויך געפונען דעם אויבערשטן - "אסור להרבות בעסקי העולם הזה", אֲפִלּוּ לְמִי שֶׁיּוֹדֵעַ וּמֵבִין הָרְמָזִים הַנַּ"ל מֵחֲמַת שְׁנֵי הַטְּעָמִים הַנַּ"ל: א', מֵחֲמַת שֶׁזֹּאת הָעֲבוֹדָה בְּעִסְקֵי הָעוֹלָם הַזֶּה הוּא מָקוֹם מְסֻכָּן מְאֹד וְכוּ' כַּנַּ"ל, וְהַב', מֵחֲמַת שֶׁיֵּשׁ קְדֻשָּׁה וַעֲבוֹדָה גְּבוֹהַ מִזֶּה, דְּהַיְנוּ קְדֻשַּׁת הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת, וְעַל כֵּן אֲפִלּוּ מִי שֶׁיּוֹדֵעַ הָרְמָזִים הַנַּ"ל הוּא צָרִיךְ הִסְתַּפְּקוּת, לְהִסְתַּפֵּק מִזֶּה הָעוֹלָם בְּהֶכְרֵחִיּוּת לְבַד כַּנַּ"ל].

*

וְהַהִסְתַּפְּקוּת הוּא בְּחִינַת עוֹטֶה אוֹר כַּשַּׂלְמָה, הַיְנוּ בְּחִינַת אוֹר מָלֵא, כִּי הָרְשָׁעִים שֶׁאֵין לָהֶם הַהִסְתַּפְּקוּת, בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי י"ג) "וּבֶטֶן רְשָׁעִים תֶּחְסָר" - תמיד פעלט זיי, אֶצְלָם מְאֹרֹת חָסֵר, עס שטייט 'ויהי מאורות ברקיע השמים' (בראשית א' י"ד), דער מענטש

האט דאך 'מאורות', מאורות איז טייטש לעכטיגקייטן, עס שטייט אבער אן א וא"ו, איז ווערליג (די מקבלים); ביי דעם 'צדיק' - איז טאקע 'מאורות', אבער ביי זיי - איז 'מארת חסר', **בִּבְחִינַת (שָׁם ג') "מְאֵרַת ה' בְּבֵית רָשָׁע"**, ביי דעם רשע איז עם מארת ה' - א קללה, ער האט נישט קיין הסתפקות, **אֲבָל בַּצַּדִּיקִים שֶׁיֵּשׁ לָהֶם הַהִסְתַּפְּקוּת, בִּבְחִינַת: "צַדִּיק אֹכֵל לְשֹׂבַע נַפְשׁוֹ" (שָׁם י"ג), אֶצְלָם הוּא אוֹר מָלֵא, בִּבְחִינַת (בְּרֵאשִׁית א') "וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב", אֵין טוֹב אֶלָּא צַדִּיק**, ביי דעם צדיק איז דער אור - איז דא 'אור', לייכט איהם, איז עס גוט, **שֶׁנֶּאֱמַר (יְשַׁעְיָה ג'): "אִמְרוּ צַדִּיק כִּי טוֹב" (יוֹמָא ל"ח:).**

*

**וַאֲפִלּוּ מִזֶּה הַהִסְתַּפְּקוּת גּוּפָהּ, צָרִיךְ לְהַפְרִישׁ מִמֶּנּוּ לִצְדָקָה. וְזֶה בְּחִינַת: נוֹטֶה שָׁמַיִם כַּיְרִיעָה** (עיין תקון ה') דאס איז מרמז אויף צדקה, **כִּי אֲרוֹן הַבְּרִית, שֶׁהוּא בְּחִינַת עָנִי, הִיא תַּחַת הַיְרִיעָה.** אזוי איז געווען, ס'איז געווען א 'יריעה' ביים קדשי קדשים - דער 'פרוכת'. און אינעווייניג איז געווען דער 'ארון הברית', דער ארון הברית איז דאך 'תחת היריעה', דער יריעה האט דאך פארדעקט דעם ארון הברית, **וְהַיְרִיעָה מַשְׁפִּיעַ לַאֲרוֹן הַבְּרִית, וְזֶה בְּחִינַת צְדָקָה.**

הגם דער ארון הברית איז דאך העכער - און דער יריעה איז משפיע לארון הברית?! האב איך גערעדט אמאל מיט ר' אלחנן (ספעקטאר ז"ל); ווארום אָן דער 'יריעה' - אז מען האט נישט געמאכט דעם 'פרוכת' - האט עס נישט געקענט הייסן 'קדשי קדשים', די יריעה האט משפיע געווען צום ארון הברית. אז ס'איז דא 'יריעה', אז ס'איז דא דער 'פרוכת', איז 'אינעווייניג' - קדשי קדשים, און אינעם 'היכל' - איז נאר קודש!

**[פֵּרוּשׁ, כִּי עַל יְדֵי צְדָקָה שֶׁמַּשְׁפִּיעַ הַנּוֹתֵן לְהַמְקַבֵּל עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה יִחוּד צַדִּיק וּכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, שֶׁבְּחִינַת צַדִּיק מַשְׁפִּיעַ לִכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, שֶׁזֶּה בְּחִינַת הַשְׁפָּעַת הַיְרִיעָה לַאֲרוֹן הַבְּרִית, בִּבְחִינַת: "נוֹטֶה שָׁמַיִם כַּיְרִיעָה" כַּנַּ"ל**, ליגט דאך דא אין די ווערטער אז 'נוטה שמים כיריעה' מיינט מען אז מען זאל משפיע זיין, מען זאל געבן צדקה]:

* * *

# כל דבר יש לו 'שעה'...

[מכאן עד תחלת אות ו' חסר מהטיי"פ, והשלמנוהו
משנת תשל"ח, טיי"פ מס' #342]

**[אות ג']**

וַהֲמוֹן עַם, שֶׁאֵין לָהֶם זֶה הַשֵּׂכֶל לְהַעֲמִיק בְּכָל זֶה, לְהָבִין הָרְמָזִים כַּנַּ"ל. נַעֲשֶׂה אֶצְלָם כָּל זֶה מִמֵּילָא, עַל־יְדֵי שֵׁנָה, וְצִיצִית, וּתְפִלִּין, וְתוֹרָה, וּתְפִלָּה, וּמַשָּׂא וּמַתָּן.

כִּי הַשֵּׁנָה, הִיא בְּחִינַת לְאַדְבְּקָא מַחֲשַׁבְתָּא בְּעָלְמָא דְּאָתֵי בִּכְלָלִיּוּת כַּנַּ"ל, בְּחִינַת ה' אֱלֹקֵי הַנַּ"ל. כִּי בִּשְׁעַת שֵׁנָה, הַנְּשָׁמָה עוֹלָה לְעָלְמָא דְּאָתֵי (עיין זוהר לך לך פ"ג:). יעדער איינער אין זיין ערך - בשעת'ן שלאפן גייט די נשמה ארויף אויבן אין 'עלמא דאתי', וְצִיצִית וּתְפִלִּין, הֵם בְּחִינַת: "גָּדַלְתָּ מְאֹד". כִּי תְּפִלִּין, הֵם בְּחִינַת הַגְּדָלַת הַשֵּׂכֶל הַנַּ"ל. (כִּי תְּפִלִּין, הֵם בְּחִינַת מֹחִין כַּיָּדוּעַ, הַיְנוּ בְּחִינַת הַגְדָּלַת הַשֵּׂכֶל לְהָבִין כָּל הָרְמָזִים שֶׁמְּרַמֵּז לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם כַּנַּ"ל). וְצִיצִית, הוּא בְּחִינַת הַצִּמְצוּם הַנַּ"ל, שֶׁהוּא בְּחִינַת מְאֹד הַנַּ"ל. - בידע צוזאמען, מען דארף האבן; אי 'ציצית', אי 'תפילין', מען מוז האבן בידע, ווייל די תפילין אליין איז 'הגדלת השכל', דער מח קען ארוים גיין פונעם גבול, דארף ער האבן א צמצום, כִּי תְּכֵלֶת כֻּרְסַיָּא דְּדִינָא (כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר שְׁלַח לְךָ דַּף קע"ה) - 'תכלת' איז דאך 'ציצית' - שֶׁהוּא בְּחִינַת צִמְצוּם. וְעַל כֵּן צִיצִית קוֹדֶם לִתְפִלִּין, דער צמצום דארף זיין נאך פריער, בִּבְחִינַת (שִׁיר הַשִּׁירִים ב'): "שְׂמֹאלוֹ תַּחַת לְרֹאשִׁי", וְאַחַר־כָּךְ: "וִימִינוֹ תְּחַבְּקֵנִי" (כִּי שְׂמֹאל הוּא בְּחִינַת דִּין, בְּחִינַת צִמְצוּם, שֶׁהוּא בְּחִינַת צִיצִית כַּנַּ"ל. וְיָמִין הוּא בְּחִינַת מֹחִין, בְּחִינַת תְּפִלִּין כַּנַּ"ל):

וְתוֹרָה, הוּא בְּחִינַת הַהִסְתַּפְּקוּת הַנַּ"ל. כִּי הַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת עֵץ הַחַיִּים דְּמָזוֹן לְכֹלָּא בֵּיהּ (עיין זוהר בראשית כ"ז) - די תורה איז 'עץ החיים', די אלע גשמיות איז 'עץ הדעת', דארטן איז געמישט טוב ורע. דארף מען טאקע האבן א 'הסתפקות', עץ החיים דאס איז די תורה - 'דמזון לכולא ביה' - די תורה גיבט אריין אינעם מענטש 'הסתפקות', הַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ לְכָל אֶחָד דֵּי סִפּוּקוֹ מִמֶּנָּה, נִמְצָא שֶׁהִיא בְּחִינַת הִסְתַּפְּקוּת. וְגַם בְּלִמּוּד הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ, יֵשׁ בְּחִינַת הִסְתַּפְּקוּת, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (אָבוֹת פֶּרֶק ב') 'לֹא עָלֶיךָ הַמְּלָאכָה לִגְמֹר'- דער איבערשטער וויל נישט דו זאלסט 'ענדיגן', ער וויל דו זאלסט 'לערנען'! וְעַל כֵּן, לִמּוּד הַתּוֹרָה הוּא בְּחִינַת הַהִסְתַּפְּקוּת הַנַּ"ל. וַאֲפִלּוּ הֶהָמוֹן שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לִלְמֹד, הֵם מְקַיְּמִין עֵסֶק הַתּוֹרָה בַּמֶּה שֶׁקּוֹרִין קְרִיאַת־שְׁמַע, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מְנָחוֹת צ"ט:):

וּתְפִלָּה, הוּא בְּחִינַת: "הוֹד וְהָדָר" הַנַּ"ל. כִּי תְּפִלָּה הִיא חַיֵּי שָׁעָה (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, שַׁבָּת י') - מיינט דער רבי תפלה אויף 'גשמיות', הַיְנוּ בְּחִינַת: "הָאָרֶץ הֲדֹם רַגְלָי" הַנַּ"ל, הַיְנוּ בְּחִינַת רַגְלֵי הַקְּדֻשָּׁה הַמִּתְלַבְּשִׁין בְּזֶה הָעוֹלָם כַּנַּ"ל:

וואס פאר א תפילה רעדט דער רבי דא; 'תפילה היא חיי שעה'?! תפילה וואס מען בעט פשוט אויף 'גשמיות'! אבער תפילה וואס מען בעט אויף 'רוחניות', מען בעט אויף 'קיום התורה', דאס איז תפילה פון 'חיי עולם', נישט קיין תפילה פון חיי שעה! (עי' לקוטי הלכות הל' ראש חודש ה' אות ג').

וּמַשָּׂא וּמַתָּן, הִיא בְּחִינַת: "נוֹטֶה שָׁמַיִם כַּיְרִיעָה" הַנַּ"ל, הַיְנוּ בְּחִינַת יִחוּד צַדִּיק וּכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל הַנַּ"ל. כִּי צַדִּיק וּכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, הֵם בְּחִינַת מַשָּׂא וּמַתָּן. הַצַּדִּיק נִקְרָא מַשָּׂא, כִּי הוּא נוֹשֵׂא אֶת הָעוֹלָם, "כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאוֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק" (בְּמִדְבַּר י"א) - ער איז דאך דער יסוד פון דער וועלט, ער טראגט דאך דער גאנצער וועלט, וְהוּא נוֹשֵׂא כָּל הַבְּרָכוֹת - אלע ברכות איז דאך פונעם צדיק, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי י'): "וּבְרָכוֹת לְרֹאשׁ צַדִּיק", כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים כ"ד): "יִשָּׂא בְרָכָה מֵאֵת ה'". וְהוּא נוֹשֵׂא הַטִּפָּה זַרְעִיּוּת שֶׁל כָּל הַנְּשָׁמוֹת, בִּבְחִינַת (שָׁם קכ"ו): "נוֹשֵׂא מֶשֶׁךְ הַזָּרַע", וּמַשְׁפִּיעַ לִכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, וְהִיא נוֹתֶנֶת לְכָל הָעוֹלָם. וְעַל שֵׁם זֶה נִקְרֵאת כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל מַתָּן, עַל שֵׁם (מִשְׁלֵי ל"א): "וַתִּתֵּן טֶרֶף לְבֵיתָהּ וְחֹק לְנַעֲרוֹתֶיהָ". וְיִחוּד שֶׁל צַדִּיק וּכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי מַשָּׂא וּמַתָּן.

כִּי כָּל דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם, יֵשׁ בּוֹ נִיצוֹצוֹת הַקְּדֻשָּׁה שֶׁנָּפְלוּ בִּשְׁעַת שְׁבִירָה. וּשְׁבִירָה, הוּא בְּחִינַת אוֹתִיּוֹת שֶׁנִּשְׁבְּרוּ וְנָפְלוּ לְכָל דָּבָר וְדָבָר מִזֶּה הָעוֹלָם. וְכָל דָּבָר יֵשׁ לוֹ שָׁעָה. וְצָרִיךְ לָבוֹא בְּשָׁעָה זוֹ לְאָדָם זֶה, שֶׁהוּא מִשֹּׁרֶשׁ אֶחָד עִם אוֹתָן הַנִּיצוֹצוֹת שֶׁיֵּשׁ בְּזֶה הַדָּבָר - אז איך וועל וועלן, אז ס'זאל קומען צו מיר פריער, 'פריער' האט דער זאך נישט קיין שייכות מיט מיר! א געוואלדיגע אמונה רעדט דער רבי דא - פון אמונה רעדט דער רבי דא!

וּכְשֶׁמַּגִּיעַ זֶה הַדָּבָר לְאָדָם זֶה, וְהוּא מְקַבֵּל חִיּוּת מִזֶּה הַדָּבָר, הַיְנוּ מֵהָאוֹתִיּוֹת הַנִּשְׁבָּרִים שֶׁיֵּשׁ שָׁם. עַל־יְדֵי־זֶה נִכְלָלִין הָאוֹתִיּוֹת הַנִּשְׁבָּרִים בְּזֶה הָאָדָם, בַּחִיּוּת שֶׁלּוֹ, וְנַעֲשֶׂה מֵהֶם קוֹמָה שְׁלֵמָה, וּמִתְפַּשֵּׁט בַּחִיּוּת שֶׁל כָּל הַגּוּף - דער גאנצער גוף פונעם מענטש איז מקבל חיות פון די אותיות - פון דער זאך וואס איז דא ביי איהם, וְעַל־יְדֵי־זֶה נִשְׁלָמִין הָאוֹתִיּוֹת, וְיֵשׁ לָהֶם שְׁלֵמוּת.

וְצָרִיךְ לִשְׁהוֹת הַדָּבָר אֵצֶל זֶה הָאָדָם לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ, עַד שֶׁנִּפְסָקִין הָאוֹתִיּוֹת וְהַנִּיצוֹצוֹת הַשַּׁיָּכִין לְשָׁרְשׁוֹ. וְאַחַר־כָּךְ יוֹצֵא מֵרְשׁוּתוֹ לְאָדָם אַחֵר, שֶׁהִגִּיעַ הָעֵת שֶׁיִּהְיֶה עָלֶיהָ לְהָאוֹתִיּוֹת הַנִּשְׁאָרִים, שֶׁהֵם מִשֹּׁרֶשׁ אֶחָד עִם הָאָדָם הָאַחֵר - האבן אן 'אמונה', אז א זאך גייט אוועק פון מיר - דעמאלטס דארף עס שוין נישט זיין ביי מיר! עס האט שוין א שייכות מיט יענעם מענטש, מיט יענעמ'ס אותיות! וְעַל־כֵּן יוֹצֵא לִרְשׁוּתוֹ.

וְלִפְעָמִים חוֹזֵר הַדָּבָר וּבָא לְאוֹתוֹ הָאָדָם שֶׁהָיָה שֶׁלּוֹ מִתְּחִלָּה, כִּי מֵחֲמַת שֶׁלֹּא הָיָה לוֹ אָז חֶלְקֵי נֶפֶשׁ רוּחַ נְשָׁמָה אֵלּוּ, לֹא הָיָה יָכוֹל אָז לְהַשְׁלִים הָאוֹתִיּוֹת אֵלּוּ, עַד עַתָּה שֶׁהִגִּיעוּ לוֹ אֵלּוּ חֶלְקֵי נֶפֶשׁ־רוּחַ־נְשָׁמָה, שֶׁעַל יָדָם יָכוֹל לְהַשְׁלִים אֵלּוּ הָאוֹתִיּוֹת הַנִּשְׁאָרִים. וּבֵין כָּךְ, הֻכְרַח לִשְׁהוֹת אֵצֶל אַחֵר.

וּכְשֶׁמַּשְׁלִים הָאוֹתִיּוֹת אֵלּוּ, נִתּוֹסֵף לוֹ הֶאָרָה בְּנֶפֶשׁ־רוּחַ־נְשָׁמָה שֶׁלּוֹ, מֵחֲמַת הֶאָרוֹת אוֹתִיּוֹת אֵלּוּ שֶׁהִגִּיעוּ אֵלָיו וְנִשְׁלְמוּ אֶצְלוֹ. וְעַל־יְדֵי הֶאָרָה זוֹ, מֵאִיר בְּשֹׁרֶשׁ נֶפֶשׁ־רוּחַ־נְשָׁמָה

שֶׁלּוֹ, שֶׁהוּא בְּצַדִּיק וּכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, שֶׁהֵם שָׁרְשֵׁי כָּל הַנְּשָׁמוֹת כַּנַּ"ל. וְעַל־יְדֵי הַהִתְנוֹצְצוּת הַזֹּאת, נִתְיַחֵד צַדִּיק וּכְנֶסֶת־יִשְׂרָאֵל, הַנִּקְרָאִים מַשָּׂא וּמַתָּן כַּנַּ"ל. וְעַל שֵׁם זֶה נִקְרָא מִקָּח וּמִמְכָּר, וְכָל הַדְּבָרִים, וְכָל הַלִּמּוּד, מַשָּׂא וּמַתָּן. כִּי עַל יָדָם נִתְיַחֵד צַדִּיק וּכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, הַנִּקְרָאִים מַשָּׂא וּמַתָּן כַּנַּ"ל:

* * *

# 'יפה עינים וטוב רואי'

[אות ד']

וּכְדֵי לִשְׁמֹר הַזִּכָּרוֹן הַנַּ"ל, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ שֶׁלֹּא יִפֹּל לִבְחִינַת רַע עַיִן, לִבְחִינַת מִיתַת הַלֵּב - דער רבי וועט רעדן דא פון 'רע עין', איך זאל נישט האבן אויף יענעם קיין 'רע עין', און יענער זאל נישט האבן אויף מיר קיין 'רע עין' - דער רבי וועט רעדן פון 'אבשלום'. ווייזט אוים פון דאנעט, אז ס'איז גאר 'איין זאך', וויבאלד אז מען איז אליין ריין פון 'רע עין', קען נישט שולט זיין יענעמ'ס 'רע עין'!

כִּי עִקַּר הַזִּכָּרוֹן תּוֹלֶה בָּעַיִן, בִּבְחִינַת (שְׁמוֹת י"ג): "וּלְזִכָּרוֹן בֵּין עֵינֶיךָ" - אז ער האט א 'רע עין', קען ער נישט היטן דעם 'זכרון', דער זכרון איז תולה אז מען זאל האבן א 'גוט אויג'! די תלמידים פון בלעם הרשע (היה להם -) א 'רע עין', 'עין רעה', א שלעכט אויג! (מסכת אבות פרק ה' י"ט).

כִּי הַשִּׁכְחָה בָּא עַל־יְדֵי רַע עַיִן, עַל־יְדֵי מִיתַת הַלֵּב - אויבן האבן מיר געלערנט, אז 'זכרון' איז - אז מען זאל נישט אריינפאלן אין 'שכחה', דאס איז 'מיתת הלב', שכחה! אז מען האט נישט קיין זכרון פון 'עלמא דאתי', הייסט עס 'מיתת הלב', איז 'רע עין' - איז אויך 'מיתת הלב'! בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים ל"א) "נִשְׁכַּחְתִּי כְּמֵת מִלֵּב".

כִּי רַע עַיִן וּמִיתַת הַלֵּב הֵם בְּחִינָה אַחַת, כִּי שׁוּרְיָנָא דְּעֵינָא בְּלִבָּא תַּלְיָא (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה עֲבוֹדָה זָרָה כ"ח:). וְעַל כֵּן נָבָל שֶׁהָיָה רַע עַיִן, נֶאֱמַר בּוֹ (שְׁמוּאֵל־א כ"ה): "וַיָּמָת לִבּוֹ בְּקִרְבּוֹ". וּמִיתַת הַלֵּב, הִיא בְּחִינַת שִׁבְרֵי לוּחוֹת. לֵב, הוּא בְּחִינַת לוּחוֹת. בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי ג'): "כָּתְבֵם עַל לוּחַ לִבֶּךָ". וְשִׁכְחָה הִיא עַל־יְדֵי שִׁבְרֵי לוּחוֹת, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, (עֵרוּבִין נ"ד) 'אִלְמָלֵא לֹא נִשְׁתַּבְּרוּ לוּחוֹת הָרִאשׁוֹנוֹת לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה בָּעוֹלָם'. נִמְצָא שֶׁעִקַּר הַשִּׁכְחָה, הִיא עַל־יְדֵי רַע עַיִן, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִיתַת הַלֵּב, שֶׁהִיא בְּחִינַת שִׁבְרֵי לוּחוֹת, שֶׁמִּשָּׁם עִקַּר הַשִּׁכְחָה כַּנַּ"ל:

וְאַבְשָׁלוֹם שֶׁהָיָה עֵינוֹ רָעָה בְּמַלְכוּת אָבִיו, עַל־יְדֵי־זֶה נֶאֱמַר בּוֹ מִיתַת הַלֵּב, שֶׁנֶּאֱמַר (שְׁמוּאֵל־ב י"ח): "וַיִּקַּח שְׁלֹשָׁה שְׁבָטִים וַיִּתְקָעֵם בְּלֵב אַבְשָׁלוֹם". וְעַל כֵּן לֹא הִנִּיחַ בֵּן זָכָר (שָׁם וְעַיֵּן סוֹטָה י"א), כִּי פָּגַם בַּזִּכָּרוֹן, עַל־יְדֵי רַע עַיִן כַּנַּ"ל:

וְדָוִד הַמֶּלֶךְ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, בָּרַח אָז מִמַּלְכוּתוֹ מִפְּנֵי אַבְשָׁלוֹם - ער איז אנטלאפן, ער האט מורא געהאט פארן 'רע עין', ער זאל נישט ארייגפאלן אין זיין 'רע עין' - איז ער אנטלאפן פון אבשלום.

קומט אוים דא אז דער 'רע עין' וואס דער רבי זאגט דא, מיינט אין צווייען; 'איך' זאל נישט האבן קיין "רע עין", און - איך זאל נישט ארייגפאלן אין "יענעמ'ס רע עין"!

וְקִלֵּל אוֹתוֹ שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא, וְאָמַר (שָׁם ט"ז): "אוּלַי יִרְאֶה ה' בְּעֵינַי". "בְּעֵינַי" דַּיְקָא, כִּי מִי שֶׁרוֹאֶה שֶׁנּוֹפֵל לְרַע עַיִן - דאס הייסט אז יענער האט אויף איהם א רע עין, אִם אֵינוֹ מַרְגִּישׁ בְּעַצְמוֹ שֶׁיּוּכַל לַעֲמֹד בָּזֶה לְהִנָּצֵל מִמֶּנּוּ, צָרִיךְ לִבְרֹחַ מִמֶּנּוּ - דער רבי וועט זאגן ווייטער, אז 'דוד המלך' ער איז געווען א 'טוב עין', 'יפה עינים וטוב ראי', א 'טוב עין', נאר וואס דען?! מחמת זיין עניוות האט ער געהאלטן אז ער וועט נישט קענען איינשטיין אין דעם רע עין פון אבשלום, איז ער אנטלאפן!

דער רבי וועט זאגן ווייטער, אז מען דארף זיך מקשר זיין צו 'מלכות משיח' כדי צו פטור ווערן פון 'רע עין', און 'דוד' אליין איז דאך 'מלך המשיח' - האט ער ווען נישט געדארפט אנטלויפן?! נאר וואס דען, ער איז געווען ביי זיך א עניו האט ער מורא געהאט טאמער וועט ער נישט קענען אויסהאלטן, איז ער אנטלאפן!

אֲבָל מִי שֶׁיָּכוֹל לְתַקֵּן, אֲזַי צָרִיךְ לְתַקֵּן. וְצָרִיךְ לִרְאוֹת מַהוּת בְּחִינַת הָרַע עַיִן, כְּדֵי לֵידַע הַשֹּׁרֶשׁ שֶׁצָּרִיךְ לְתַקֵּן עַל יָדוֹ, כִּי יֵשׁ כַּמָּה בְּחִינוֹת רַע עַיִן. וּכְשֶׁנּוֹפֵל לְרַע עַיִן שֶׁל הִתְנַשְּׂאוּת, שֶׁעֵינוֹ צָרָה בְּהִתְנַשְּׂאוּת שֶׁל חֲבֵרוֹ, צָרִיךְ לְהַכְנִיעַ בְּהַשֹּׁרֶשׁ שֶׁל הַהִתְנַשְּׂאוּת. הַיְנוּ בְּשֹׁרֶשׁ הַמַּלְכוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת מָשִׁיחַ. וְהוּא שֹׁרֶשׁ הַמַּלְכוּת, בִּבְחִינַת (שְׁמוּאֵל־א ב'): "וְיִתֶּן עֹז לְמַלְכּוֹ וְיָרֵם קֶרֶן מְשִׁיחוֹ". וְהוּא בְּחִינַת טוֹב עַיִן, בִּבְחִינַת (שָׁם ט"ז): "יְפֵה עֵינַיִם וְטוֹב רֹאִי", הַנֶּאֱמָר בְּדָוִד, שֶׁהוּא מָשִׁיחַ - פון דאנעט ווייזט אוים טאקע אז 'דוד המלך', ער אליין איז דאך דער 'מלך המשיח' - זאגט דער רבי דא - וויבאלד ער האט מורא פאר יענעמ'ס 'רע עין', פון 'התנשאות', דארף ער אננעמען דעם 'שורש ההתנשאות' - דאס איז 'משיח', וועט ער ניצול ווערן!

ער אליין (- דוד המלך) איז דאך בחינת משיח, וואס האט ער געדארפט אנטלויפן?! נאר וואס דען, ער האט זיך געהאלטן פאר אן עניו, האט ער מורא געהאט טאמער וועט ער נישט קענען (לעמוד בזה, כנ"ל).

דער שורש המלכות איז 'משיח בן דוד', עם שטייט אין פסוק אזוי; 'ובקשו את ה' אלקיהם ואת דוד מלכם' (הושע ג' ה'), ער איז דער 'מלך', די מלכות איז זיינס! נאר וואס דען, ער איז געווען ביי זיך אן עניו.

'אולי יראה ה' בעיני' - זיי האבן איהם דאך געוואלט הרג'ענען - שמעי בן גרא'ן, ס'איז דאך איהם געקומען מיתה, ער האט געשאלטן דעם מלך, האט דוד המלך געזאגט (שם ט"ז); 'מה לי ולכם בני צרויה' - וואס מישט איר זיך אריין צו מיר?! אולי יראה ה' בעיני! אזא מין סארט ענוה איז געווען ביי איהם.

עס שטייט טאקע, אז די מדריגה וואס ער האט זוכה געווען דעמאלטס - בשעת וואס ער האט זיך איינגעהאלטן, ער האט נישט גע'הרג'עט שמעי בן גרא! (היינו, דמובא שבאותו שעה זכה דוד להיות הרביעי לרגלי מרכבה).

די גמרא זאגט (חגיגה י"ד ע"א); 'עד די כרסון רמיו ועתיק יומין יתיב' (דניאל ז' ט') 'אחד לו ואחד לדוד'! די גמרא זאגט 'כרסון' איז א לשון רבים, צוויי "שטולן" - זאגט די גמרא - 'אחד לו ואחד לדוד', איינעם פארן אויבערשטן און איינעם פאר דוד!

*

[(לְשׁוֹן הַגְּמָרָא נִדָּה כ"ד:) תַּנְיָא: אַבָּא שָׁאוּל אוֹמֵר, קוֹבֵר מֵתִים הָיִיתִי. פַּעַם אַחַת נִפְתְּחָה מְעָרָה מִתַּחְתַּי, וְעָמַדְתִּי בְּגַלְגַּל עֵינוֹ שֶׁל מֵת, עַד חָטְמִי. כְּשֶׁחָזַרְתִּי לַאֲחוֹרַי, אָמְרוּ עַיִן שֶׁל אַבְשָׁלוֹם הָיָה:]

וְזֶה שֶׁאָמַר אַבָּא שָׁאוּל, קוֹבֵר מֵתִים הָיִיתִי. כִּי אַבָּא שָׁאוּל הִשְׁתַּדֵּל לְתַקֵּן תָּמִיד אֶת הָרַע עַיִן, הַנִּקְרָא מִיתָה כַּנַּ"ל - 'קובר' הייסט 'מכניע זיין', זיין זאך איז געווען מכניע זיין דעם 'רע עין' וואס הייסט 'מיתה' - זאגט דער רבי אויבן (תחילת אות ד') - אז דאס קען מען נישט, סיידן מען זאל האבן א זכרון אין עלמא דאתי, א דביקות אין עלמא דאתי.

פַּעַם אַחַת נִפְתְּחָה מְעָרָה מִתַּחְתַּי. מְעָרָה, הַיְנוּ בְּחִינַת דְּבֵקוּת, בְּחִינַת: "כְּמַעַר אִישׁ וְלֹיוֹת" (מְלָכִים-א ז'). מִתַּחְתַּי, הַיְנוּ בְּחִינַת אֱמֶת - דאס הייסט, מחמת גודל 'אמת' וואס ער האט געהאט, ער איז געווען מקושר אין עלמא דאתי, האט זיך איהם געעפענט אזא מין דביקות, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים פ"ה): "אֱמֶת מֵאֶרֶץ תִּצְמָח". כִּי "טוֹב עַיִן הוּא יְבֹרָךְ" (מִשְׁלֵי כ"ב), וְהַבְּרָכוֹת הֵם בְּחִינַת אֱמֶת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָה ס"ה): "הַמִּתְבָּרֵךְ בָּאָרֶץ יִתְבָּרֵךְ בֵּאלֹקֵי אָמֵן". וְזֶה שֶׁאָמַר אַבָּא שָׁאוּל, שֶׁעַל־יְדֵי הָאֱמֶת שֶׁלּוֹ, נִפְתְּחָה לוֹ דְּבֵקוּת.

וְעָמַדְתִּי בְּגַלְגַּל עֵינוֹ שֶׁל מֵת עַד חָטְמִי, הַיְנוּ מֵחֲמַת הַדְּבֵקוּת, הֶעֱמַדְתִּי עַצְמִי בְּסַכָּנָה לִכְנֹס בְּגַלְגַּל עֵינוֹ שֶׁל מֵת, הַיְנוּ בְּרַע עַיִן. עַד שֶׁהֻצְרַכְתִּי לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בִּבְחִינַת מָשִׁיחַ, כְּדֵי לְהַכְנִיעַ אֶת הָרַע עַיִן. וְזֶה עַד חָטְמִי, שֶׁהוּא בְּחִינַת: "רוּחַ אַפֵּינוּ מְשִׁיחַ ה'" (אֵיכָה ד').

וּכְשֶׁחָזַרְתִּי לַאֲחוֹרַי, אָמְרוּ לִי עֵינוֹ שֶׁל אַבְשָׁלוֹם הָיְתָה, הַיְנוּ שֶׁאַבְשָׁלוֹם נָפַל לִבְחִינַת הָרַע עַיִן הַזֶּה. וְזֶהוּ כְּשֶׁחָזַרְתִּי לַאֲחוֹרַי, הַיְנוּ אַחַר הַתִּקּוּן, שֶׁחָזַרְתִּי בְּחִינַת מָשִׁיחַ לִמְקוֹמוֹ, לִבְחִינַת אֲחוֹרַי. כִּי שָׁם שֹׁרֶשׁ הַמֶּלֶךְ הַמָּשִׁיחַ, בִּבְחִינַת (שִׁיר הַשִּׁירִים ז'): "מֶלֶךְ אָסוּר

בְּרְהָטִים", 'בִּרְהִיטֵי מֹחִין' (תִּקּוּן ו' דַּף כ"א). "אָסוּר", הַיְנוּ בְּחִינַת קֶשֶׁר שֶׁל תְּפִלִּין, שֶׁהִיא בְּחִינַת אֲחוֹרַי, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ז'): "וְרָאִיתָ אֶת אֲחוֹרָי", זֶה קֶשֶׁר שֶׁל תְּפִלִּין. וְזֶה (שְׁמוּאֵל-א כ"ה): "וְהָיְתָה נֶפֶשׁ אֲדוֹנִי צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים", הַנֶּאֱמָר בְּדָוִד. הַיְנוּ קֶשֶׁר שֶׁל תְּפִלִּין. כִּי תְּפִלִּין הֵם בְּחִינַת חַיִּים, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מְנָחוֹת מ"ד) 'כָּל הַמַּנִּיחַ תְּפִלִּין זוֹכֶה לְחַיִּים', שֶׁנֶּאֱמַר: "ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ".

וְעַל כֵּן לֹא אָמְרוּ לוֹ שֶׁעֵינוֹ שֶׁל אַבְשָׁלוֹם הָיְתָה, עַד שֶׁחָזַר לַאֲחוֹרָיו. כִּי אִלּוּ הָיָה יוֹדֵעַ מִקֹּדֶם מִזֶּה, אֶפְשָׁר לֹא הָיָה מְסַכֵּן עַצְמוֹ כָּל־כָּךְ לִכָּנֵס בְּרַע עַיִן כָּזֶה, כִּי הוּא סַכָּנָה גְּדוֹלָה - האט ער זיך געמוזט באנוצן מיט 'קשר של תפילין' פון 'דוד המלך', ער זאל קענען איינשטיין אין דעם 'רע עין'.

אוודאי, דער צדיק אליין, מחמת גודל ענוותנתו האלט ער אז ער קען נישט, אז מען לויבט דוד המלך - לויבט מען איהם א 'טוב עין', 'יפה עינים וטוב רואי', דער מלך המשיח - זיין מלכות איז אז ער איז א 'טוב עין', ער האט נישט אין זיך קיין שום רע עין, ער איז א 'טוב עין', דאס איז טאקע 'שורש המלכות'!

טאקע דעם רבי'ן האט מען משבח געווען אז ער איז א 'יפה עינים'! - ר' נחום טשערנאבל'ער (האט געזאגט) - 'ער איז א יפה עינים'! (עי' שיש"ק ב' רל"ז, ג' רל"ט). 'יפה עינים' - ער איז זוכה צו דער 'מלכות דקדושה'!

* * *

# זיך היטן פון 'דמיונות'...

**[אות ה']**

וְצָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הָעַיִן מִכֹּחַ הַמְדַמֶּה. וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁהוּא טוֹב עַיִן, צָרִיךְ לִשְׁמֹר מִזֶּה - עס כאפט זיך אריין א 'דמיון', עס דאכט זיך איהם אזוי, א דמיון, א כח הדמיון! אפילו ער איז א טוב עין, דו האסט נישט קיין 'רע עין' אויף יענעם, פון דעסטוועגן קען זיך אריינכאפן אמאל א דמיון, א 'מדמה', כְּמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִים, כִּי אֲפִלּוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ רְאִיָּה יָפָה, יָכוֹל לִטְעוֹת, עַל־יְדֵי שֶׁרוֹאֶה מֵרָחוֹק, וְנִדְמֶה לוֹ לְהֵפֶךְ מִן הָאֱמֶת. עַל כֵּן צָרִיךְ שְׁמִירָה יְתֵרָה לָזֶה.

וְהַכֹּחַ הַמְדַמֶּה בָּא עַל־יְדֵי לְשׁוֹן הָרָע, כִּי כֹּחַ הַמְדַמֶּה הוּא כֹּחַ הַבַּהֲמִיּוּת, כִּי גַּם בְּהֵמָה יֵשׁ לָהּ זֶה הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה. וְהַמּוֹצִיא דִבָּה הוּא נוֹפֵל לְבַהֲמִיּוּת, וְעַל כֵּן נִתְגַּבֵּר עָלָיו כֹּחַ הַמְדַמֶּה, שֶׁהוּא כֹּחַ הַבַּהֲמִיּוּת. כִּי "מוֹצִיא דִּבָּה הוּא כְּסִיל" (מִשְׁלֵי י'), מען זעהט טאקע אז די בעלי לשון הרע, ביי זיי דאכט זיך אויף יענעם אז יענער - - אזעלכע מיני דמיונות. ווייל 'מוציא דבה הוא כסיל', פאלט ער אריין אין 'בהמיות' - דאכט זיך איהם דער אזוי - יענער האט געוואלט אזוי, אבער דער אמת איז - אז ס'איז פשוט א דמיון, דמיונות!

**וּכְשֶׁהַדַּעַת נִסְתַּלֵּק מִמֶּנּוּ, נוֹפֵל מֵאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְנוֹפֵל לְאַהֲבַת הַבַּהֲמִיּוּת. בִּבְחִינַת (הוֹשֵׁעַ ד'): "כִּי אַתָּה הַדַּעַת מָאַסְתָּ** - דורך לשון הרע איז מען ממאס אין 'דעת' - **וְאֶמְאָסְךָ מִכַּהֵן לִי"**, 'כהן' איז 'אהבה' - וועסטו נישט האבן קיין 'אהבה' צו מיר! דו האסט זיך אפגעלאזט פון די אמת'ע אהבה - וועסטו האבן 'אהבת נפולות'! אז דו האסט ממאס געווען אינעם 'דעת' דורך 'לשון הרע', וועט מען דיר ממאס זיין 'מכהן לי'! **כַּהֵן, הַיְנוּ בְּחִינַת (יְשַׁעְיָה מ"א): "אַבְרָהָם אוֹהֲבִי"**, 'אברהם אוהבי' - זאגט דער אויבערשטער - אברהם ער איז מיין 'ליב האבער', איהם וויל איך ער זאל ליב האבן מיך! **בְּחִינַת (תְּהִלִּים ק"י): "אַתָּה כֹהֵן", בְּחִינַת: "וְקָמַץ הַכֹּהֵן" (וַיִּקְרָא ה').**

**וְאָז מִתְגַּבֵּר עָלָיו כֹּחַ הַמְדַמֶּה, שֶׁהוּא כֹּחַ הַבַּהֲמִיּוּת. בִּבְחִינַת (שָׁם בְּהוֹשֵׁעַ): "נִדְמוּ עַמִּי מִבְּלִי הַדָּעַת", "נִדְמוּ", הַיְנוּ כֹּחַ הַמְדַמֶּה**, דער ענין פון מדמה איז זיך אוועק צו שטעלן נאר אויפ'ן 'שכל', אבער 'מדמה' איז דאך גארנישט קיין 'שכל' אינגאנצן, ס'איז דאך א 'דמיון'! אז דער מענטש זאל האבן נאר דעם 'שכל' נישט קיין 'מדמה' - - יעדער איינער האט לפי זיין ערך 'דמיון', 'דמיון', די אלע זאכן וואס מען גייט אוועק פונעם אייבערשטען, די אלע נארישקייטן, דאס איז אלץ מחמת זיין מדמה, א דמיון! עס דאכט זיך איהם אז דאס איז א 'חיות' - - -

דער וואס האט טאקע די אמת'ע 'דעת', די אמת'ע 'שכל', האט ער אנדערע געדאנקען, פאלט ער נישט אריין אין די אלע דמיונות - זאל דער אויבערשטער אפהיטן - דער מדמה האט אזא מין כח, אז ממש ער בויעט 'בנינים' מיטן דמיון!

דער רבי וועט רעדן ווייטער (בסוף התורה): **'אין אדם דן גזירה שוה מעצמו'**, ווייל עס קען זיין אז ס'איז פון א דמיון!

מען זעהט כמה פעמים שטייט אין זוה"ק, איינער פרעגט דעם צווייטן; פון וועמען האסטו דאס געהערט, פון וואו האסטו דאס געהערט?! ס'קען אמאל זיין - כאטש זיי זענען גדולים - פון וועמען האסטו דאס געהערט?! קען זיין ס'איז גאר א דמיון![1]

* * *

## 'שיין' - אבער 'אמת'!...

**[אות ו']**

**וְזֶה הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה, הוּא מְבַקֵּשׁ תָּמִיד כְּלִי לִשְׁכֹּן שָׁם, וְעַל־כֵּן הוּא מְחַזֵּר תָּמִיד לִשְׁרוֹת עַל־פִּי שׁוֹנֵה הֲלָכוֹת**, דארטן האבן זיי א פלאץ, דארטן האבן זיי אן ארט, דארטן ווילן זיי רוען. **וְעַל־**

[1] עי' זוה"ק בהקדמה דף ה' ע"א: א"ר שמעון לחברייא, במטותא מנייכו דלא תפקון מפומייכו מלה דאורייתא דלא ידעתון ולא שמעתון מאילנא רברבא כדקא יאות וכו'.

**כֵּן אִם הֵם מְחַדְּשִׁים דָּבָר בַּתּוֹרָה, הוּא חִדּוּשׁ נָאֶה וּמִתְקַבֵּל (בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז גְּלַיךְ). כִּי הוּא בָּא מִכֹּחַ הַמְדַמֶּה, שֶׁהוּא מְדַמֶּה מִלְּתָא לְמִלְּתָא, אַךְ שֶׁהָרַע שֶׁבּוֹ הוּא יוֹתֵר מֵהַטּוֹב.**

עס איז דא א מעשה פונעם 'בעל התניא' - האט מיר דערציילט איינער פון די ליובאוויטש'ער חסידים - דער 'רב' האט געהאט א מלמד פאר די אייניקלעך, א גרויסער למדן, איז אדורך געגאנגען דער רב, האט ער געזעהן אמאל ווי דער מלמד האט געלערנט א שווערע סוגיא, האט זיך דער מלמד געמאטערט, ער האט נישט געקענט אדורך גיין די סוגיא - מאטערט זיך און מאטערט זיך, איז דער רב אריינגעגאנגען און האט מיט איהם אדורך געלערנט די סוגיא, אה - זיך מחיה געווען, אזוי פיין גוט!

נאכדעם האט ער נאכאמאל איבער געלערנט די סוגיא, אבער דאס אנדערע מאל האט ער שוין געלערנט ברוחק, געקוועטשט זיך אזוי. זאגט ער צום מלמד; וואס איז אייך בעסער געפעלן - דער 'ערשטער לימוד' צו דער 'אנדערער'? ענטפערט ער איהם; אוודאי, דער ערשטער איז בעסער! זאגט ער אזוי; "דער ערשטער איז שענער, דער אנדערער איז אבער אמת'ער"!

עס איז דא אמאל אזא 'ויש לישב בדוחק', טאקע - מ'דארף זיך אלץ קוועטשן זיך, אבער ס'איז אמת! נאכדעם איז דא - 'עס גייט גליך', עס לויפט, לויפט, ס'איז שיין - און עס איז נישט דער אמת! אזוי האט ער געזאגט; דער 'ערשטער פשט' וואס איך האב געלערנט מיט דיר איז "שענער" - די 'אנדערע' איז "אמת'ער"! ער האט געוואלט ווייזן דאס דאזיגע - אז ס'קען זיין אמאל אז ס'איז 'שיין', און ס'איז 'נישט אמת', אמאל איז 'ויש לישב בדוחק' און ס'איז 'מער אמת'!

דער רבי רעדט דא פון חידושים, וואס מען רופט דאס 'גלייך', און די 'רע שבו' איז מער ווי דער 'טוב'.

[עד כאן הושלם משנת תשל"ח]

*

(חסר ההתחלה) - - - 'רבי אהרן דער רב' (אב"ד ברסלב, מתלמידי רביז"ל), דער רבי האט געוואלט דווקא 'איהם', דער רבי האט געוואוסט ווער רבי אהרן איז, דער רבי האט געוואלט אזא רב וואס דארטן זאל נישט זיין קיין 'מדמה', דער מדמה זאל נישט זיין אין איהם! נישט סתם האט איהם דער רבי געגעבן א 'בירור המדמה'[ח], מסתמא האט ער דאך געזעהן ווער ער איז! פארוואס האט

---

[ח] עי' שיח שרפי קודש ב' תרל"ב; ... רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל אָמַר עַל רַבִּי אַהֲרֹן זְצוּקַ"ל מִבְּרַסְלֶב, אִיךְ הָאבּ אִים גִּיגֶעבִּין אַ בֵּרוּר הַמְּדַמֶּה אִין פַּסְקִינֶען שְׁאֵלוֹת (נָתַתִּי לוֹ בֵּרוּר הַמְּדַמֶּה לִפְסוֹק שְׁאֵלוֹת).

ועי' ביאור הליקוטים כאן אות ד' וז"ל; ששמעתי מאבי ששמע ממוהרנ"ת ז"ל, שבהמאמר והשגה הזאת, פקד וצוה עליו אדמו"ר ז"ל מאז והלאה, לחדש בתורתו, ושעל זה סבב בכלל הענין, אין אדם דן וכו', לדמות מילתא למילתא מעצמו, אלא אם כן קיבלה מרבו וכו'. ואמר אז [מה שמובא בחיי מוהר"ן, בהשיחה עבודת ה' אות פ"ד (תקכ"א)], שהמשיך לאנשיו כח המדמה ברור וזך, ועיקר דבריו היו על מוהרנ"ת ז"ל בעצמו, שהוא שקיבל אז מאתו בירור המדמה, לחדש ולדמות מילתא למילתא, ובלי טעות והיפך חס ושלום. [והוא שיסובב עליו בהכתוב, ביד הנביאים אדמה, במדמה דקדושה].

דער רבי אזוי געוואלט אז ר' אהרן זאל זיין דער רב - פארוואס האט ער געוואלט דאס דאזיגע?! ווייל דער רבי האט געוואוסט ווער ר' אהרן איז, אז דעם איד קען ער געבן א בירור המדמה!

**וְאֵלּוּ הַחִדּוּשִׁים מַזִּיקִים לְפַרְנָסָה**, אַה, די חידושים וואס נעמען זיך פון 'מדמה' זענען מזיק צו פרנסה, **כִּי עַל יְדֵי חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה נִבְרָאִים שָׁמַיִם וָאָרֶץ** - ווערט דאך אלע השפעות, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָה נ"א): "וְלֵאמֹר לְצִיּוֹן עַמִּי אָתָּה", אַל תִּקְרֵי עַמִּי אֶלָּא עִמִּי, מָה אֲנָא עֲבַדִי שְׁמַיָּא וְאַרְעָא בְּמִלּוּלִי וְכוּ' (כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר בַּהַקְדָּמָה דַּף ה')** דורך די חידושי תורה - טאקע אמת'דיגע חידושי תורה - ווערן באשאפן 'שמים וארץ'. גייט אלע השפעות - **וְעַל יְדֵי זֶה בָּאִים כָּל הַהַשְׁפָּעוֹת וְהַבְּרָכוֹת לָעוֹלָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים כ"ח): יִפְתַּח ה' לְךָ אֶת אוֹצָרוֹ הַטּוֹב אֶת הַשָּׁמַיִם וְכוּ'**, אלע השפעות גייען פון שמים וארץ, דאס איז אלעם דורך אמת'ע חידושים!

**אַךְ כְּשֶׁהַחִדּוּשִׁים הֵם עַל יְדֵי כֹּחַ הַמְדַמֶּה**, ווערן אויך באשאפן שמים - **אֲזַי נִבְרָאִין רְקִיעִין דְּשָׁוְא (בַּזֹּהַר שָׁם), וְעַל יָדָם בָּא רָעָב לָעוֹלָם. וְאַף שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם גַּם כֵּן טוֹב, שֶׁהֵם דִּבְרֵי תוֹרָה, שֶׁהֵם בְּחִינַת שֹׂבַע. אַךְ מֵחֲמַת שֶׁהָרַע יוֹתֵר מֵהַטּוֹב, עַל כֵּן הָרַע גּוֹבֵר, וְהַטּוֹב נִתְבַּטֵּל. בִּבְחִינַת: "וְלֹא נוֹדַע כִּי בָאוּ אֶל קִרְבֶּנָה" (בְּרֵאשִׁית מ"א) שֶׁמִּתְגַּבֵּר חַס וְשָׁלוֹם בְּחִינַת שֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב עַל בְּחִינַת שֶׁבַע שְׁנֵי הַשָּׂבָע, שֶׁהוּא בְּחִינַת הִתְגַּבְּרוּת הָרַע עַל הַטּוֹב. עַד שֶׁאֵין נִכָּר הַטּוֹב מִפְּנֵי הָרַע, בִּבְחִינַת: "וְלֹא נוֹדַע" וְכוּ' כַּנַּ"ל:**

האבן מיר א געוואלדיגע זאך; 'מדמה' זוכט א פלאץ ווי ער זאל אריין, און ער איז 'שורה' אויף די 'שונה הלכות', ווייל דורך די שונה הלכות ווערט באשאפן אלע השפעות, און אז 'דער' רוקט זיך אריין מיט זיין 'דמיון' - ווערט באשאפן 'רקיעין דשוא'!

*

**וּמַה שֶׁמְּחַזֵּר הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה לִשְׁרוֹת עַל פִּי שׁוֹנֶה הֲלָכוֹת, הוּא מִפְּנֵי שֶׁהוּא נִבְרָא בְּעֶרֶב שַׁבָּת בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת**, דאס איז שדין ורוחין ולילין - דער רבי רופט עס אן 'מדמה', **וְקִדֵּשׁ עָלָיו הַיּוֹם וְלֹא נִבְרָא לוֹ גּוּף**, עס איז געווארן שבת, עס שטייט; 'לעשות', דער אויבערשטער האט באשאפן 'לעשות - ולא עשה', ווייל ס'איז שוין געווארן שבת, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר (בְּרֵאשִׁית דַּף מ"ז ומ"ח, וּבְפָרָשַׁת תְּרוּמָה דַּף קנ"ה:) עַל פָּסוּק: "אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת" (בראשית ב')** 'לעשות' הייסט; 'צום סוף וועט ווערן' - 'אשר ברא אלקים לעשות' - און ס'איז נישט געווארן, ס'איז געווארן שבת, איז נישט געווארן פאר זיי א גוף! **שֶׁמְּבֹאָר שָׁם, שֶׁהַקְּלִפּוֹת שֶׁהֵם בְּחִינַת הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה, נִבְרְאוּ בְּעֶרֶב שַׁבָּת בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת, וּבְתוֹךְ כָּךְ קִדֵּשׁ עָלָיו הַיּוֹם, וְנִשְׁאֲרוּ רוּחַ בְּלֹא גּוּף וְכוּ' עַיֵּן שָׁם**, קומט דאך

אוים אז זיי האבן גארנישט קיין גוף, נאר 'רוחות', וְעַל כֵּן זֶה הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַקְּלִפּוֹת, שֶׁהוּא רוּחַ בְּלֹא גּוּף, הוּא מְבַקֵּשׁ לְעַצְמוֹ גּוּף לִשְׁרוֹת בּוֹ. וְהוֹלֵךְ אֵצֶל הַשּׁוֹנֵי הֲלָכוֹת, כִּי הֵם בּוֹרְאִים הַכֹּל בְּדִבְרֵי תּוֹרָתָם. עַל כֵּן הוּא הוֹלֵךְ וְשׁוֹרֶה אֶצְלָם, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה נִבְרָא לוֹ גּוּף לְהִתְלַבֵּשׁ בּוֹ עַל יָדָם:

וְזֶה שֶׁכָּתוּב (שָׁם בַּפָּרָשָׁה הַנַּ"ל) וְעַל הִשָּׁנוֹת הַחֲלוֹם, הַיְנוּ מַה שֶּׁהַחֲלוֹם שֶׁהוּא בְּחִינַת כֹּחַ הַמְדַמֶּה, הִשְׁתַּדְּלוּתוֹ לִשְׁרוֹת עַל הַשּׁוֹנֶה הֲלָכוֹת, 'ועל השנות החלום', דער 'חלום' - דער 'מדמה', רוהט אויף די 'שנות' - די 'שונה הלכות'. פארוואס עפעס דארטן? כִּי נָכוֹן הַדָּבָר מֵעִם הָאֱלֹקִים, וּמְמַהֵר הָאֱלֹקִים לַעֲשׂוֹתוֹ. זֶה בְּחִינַת: "אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת" הַנַּ"ל, שֶׁהָיָה נָכוֹן הַכֹּל עֶרֶב שַׁבָּת בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת, וְקִדֵּשׁ הַיּוֹם, וּמִהֵר אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹתוֹ בְּלֹא גּוּף, וּמֵחֲמַת זֶה הוּא מַחֲזִיר תָּמִיד לִשְׁרוֹת עַל הַשּׁוֹנֶה הֲלָכוֹת כַּנַּ"ל.

*

דעפאר האט דער רבי געהייסן מאכן טאקע פון 'תורות' - 'תפילות' (ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' כ"ה) - אז ער לערנט עפעס זאל ער בעטן דעם אויבערשטן צו מקיים זיין, ווייל די מדמה לייגט זיך אוועק אויף די 'שונה הלכות', און אז מען בעהט דעם אויבערשטן מען זאל מקיים זיין - וועט דער מדמה נישט האבן קיין פלאץ! איך בעהט דאך דעם אויבערשטן איך זאל מקיים זיין וואס איך לערן!

דער רבי ברענגט אין א תורה (ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' כ"א, ובספר המדות ערך חידושין דאורייתא חלק שני אות ז') אז 'חידושי אורייתא' דארפן האבן א 'שמירה', מען זאל לערנען 'פריער פוסקים' און 'נאכדעם פוסקים', עפעס א שמירה דארף מען!

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן זיך האלטן אין דעם רבי'ן, און כסדר לערנען אן א מדמה!

* * *

# 'גזירת פרעה'!

וְזֶה, "חֲלוֹם פַּרְעֹה אֶחָד הוּא" (שָׁם). הַיְנוּ חֲלוֹם פַּרְעֹה, שֶׁהוּא בְּחִינַת כֹּחַ הַמְדַמֶּה, כֹּחַ בָּטֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת ה'): "תַּפְרִיעוּ אֶת הָעָם". הוּא בָּא מֵאֶחָד, הַיְנוּ מֵאַהֲבָה, [כִּי אֶחָד הוּא בְּחִינַת אַהֲבָה כַּמְבֹאָר (לעיל בסי' ד' אות ד:) בְּמָקוֹם אַחֵר]. הַיְנוּ מֵאַהֲבָה נְפוּלָה כַּנַּ"ל. בְּחִינַת: "נִדְמוּ עַמִּי מִבְּלִי הַדָּעַת, כִּי אַתָּה הַדַּעַת מָאַסְתָּ" וְכוּ' כַּנַּ"ל.

נִמְצָא עַל יְדֵי הִסְתַּלְּקוּת הַדַּעַת, שֶׁבָּא עַל יְדֵי לְשׁוֹן הָרָע, שֶׁהוּא בְּחִינַת: "מוֹצִיא דִבָּה הוּא כְּסִיל", דְּהַיְנוּ שֶׁנִּסְתַּלֵּק מִמֶּנּוּ הַדַּעַת. עַל יְדֵי זֶה נוֹפֵל מֵאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לָאַהֲבוֹת הַבַּהֲמִיּוֹת. וְאָז מִתְגַּבֵּר עָלָיו כֹּחַ הַמְדַמֶּה, שֶׁהוּא כֹּחַ הַבַּהֲמִיּוֹת. וְעַל יְדֵי הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה, נִפְגָּם הַזִּכָּרוֹן וְנוֹפֵל לְשִׁכְחָה:

וְעַתָּה בּוֹא וּרְאֵה, מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים עַתָּה קֶשֶׁר כָּל הַמִּקְרָא הַזֶּה, "נִדְמוּ עַמִּי" וְכוּ' הַנַּ"ל. וְזֶהוּ, נִדְמוּ עַמִּי - פארוואס פאלט מען אריין אין מדמה?! מִבְּלִי הַדָּעַת. שֶׁעַל יְדֵי פְּגַם הַדַּעַת, מִתְגַּבֵּר כֹּחַ הַמְדַמֶּה כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ, כִּי אַתָּה הַדַּעַת מָאַסְתָּ - די האסט ממאס געווען דעם דעת - וְאֶמְאָסְךָ מִכַּהֵן לִי - וועל איך ממאס זיין דו זאלסט נישט האבן אהבה צו מיר! כִּי עַל יְדֵי פְּגַם הַדַּעַת, נוֹפֵל מֵאַהֲבוֹת דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהֵם בְּחִינַת כֹּהֵן כַּנַּ"ל, וְאָז מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה, בְּחִינַת "נִדְמוּ עַמִּי" וְכוּ' כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ שֶׁסִּיֵּם שָׁם בְּפָסוּק זֶה, וַתִּשְׁכַּח תּוֹרַת אֱלֹקֶיךָ. וַתִּשְׁכַּח וַדַּאי, כִּי עַל יְדֵי פְּגַם הַדַּעַת, שֶׁעַל יְדֵי זֶה מִתְגַּבֵּר הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה, עַל יְדֵי זֶה נִפְגָּם הַזִּכָּרוֹן וּבָא לְשִׁכְחָה כַּנַּ"ל.

וְזֶהוּ, אֶשְׁכַּח בָּנֶיךָ גַּם אָנִי. כִּי עַל יְדֵי שֶׁפּוֹגֵם בַּזִּכָּרוֹן וְנוֹפֵל לְשִׁכְחָה, עַל יְדֵי זֶה אֵין לוֹ בֵּן זָכָר, כְּמוֹ שֶׁמּוּבָא לְעֵיל לְעִנְיַן אַבְשָׁלוֹם, שֶׁלֹּא זָכָה לְבֵן זָכָר מֵחֲמַת זֶה שֶׁפָּגַם בַּזִּכָּרוֹן כַּנַּ"ל, ווייל ער האט געהאט א 'רע עין' אויף דוד המלך, און רע עין איז דאך 'מיתת הלב', איז געווארן ביי איהם 'מדמה' - 'שכחה', דערפאר האט ער נישט געהאט קיין בן זכר! וְזֶהוּ: "אֶשְׁכַּח בָּנֶיךָ גַּם אָנִי" כַּנַּ"ל:

*

וְעַל כֵּן גָּזַר פַּרְעֹה עַל הַזְּכָרִים דַּיְקָא, כִּי פַּרְעֹה הוּא בְּחִינַת הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה, שֶׁהוּא כֹּחַ בָּטֵל כַּנַּ"ל. שֶׁהוּא מִתְגַּבֵּר עַל הַזִּכָּרוֹן, שֶׁהוּא בְּחִינַת בֵּן זָכָר כַּנַּ"ל, דערפאר האט פרעה - דער כח המדמה - האט ער גוזר געווען אויף די 'זכרים', ווייל ער איז זיך מתגבר אויף די 'זכרון' וואס איז 'בן זכר', כִּי כֹּחַ הַמְדַמֶּה כְּשֶׁמִּתְגַּבֵּר, חַס וְשָׁלוֹם, הוּא פּוֹגֵם וּמְבַטֵּל, חַס וְשָׁלוֹם, אֶת הַזִּכָּרוֹן כַּנַּ"ל.

וְזֶהוּ, (שְׁמוֹת א'): "וַיְצַו פַּרְעֹה וְכוּ' כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ". "הַיְאֹרָה" דַּיְקָא, כִּי יְאוֹר מִצְרַיִם, זֶה פִּישׁוֹן (כַּמּוּבָא בְּפֵרַשִׁ"י פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית). הַיְנוּ בְּחִינַת 'פִּי שׁוֹנֶה הֲלָכוֹת' (זֹהַר בְּרֵאשִׁית כ"ז ע"ב וּבְתִקּוּן נ"ה), שֶׁשָּׁם שׁוֹרֶה הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה כַּנַּ"ל. הַיְנוּ שֶׁרָצָה לִפְגֹּם הַזִּכָּרוֹן, שֶׁהוּא בְּחִינַת בֵּן זָכָר, עַל יְדֵי הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה, הַשּׁוֹרֶה עַל פִּי שׁוֹנֶה הֲלָכוֹת כַּנַּ"ל.

*

דער רבי זאגט טאקע אין תורה י"א, אז 'תבן' איז 'תבונות התורה לעומקה', האט פרעה נאר געזען אז אידן זאלן נישט האבן קיין 'תבן' - זיי זאלן נישט האבן 'תבונות התורה לעומקה'!

'פרעה' - דאס איז 'כח המדמה' - וואס איז שורה אויף די 'שונה הלכות', איז שוין נישטא קיין 'בירור הלכה'! אז דארטן איז דער 'מדמה' - זאגט דער רבי פריער - איז דער 'רע' מער ווי דער 'טוב', האט ער נאר געזעהן אז ס'זאל נישט זיין קיין 'תבונות התורה לעמקה' - מען זאל שוין נישט קענען מברר זיין די הלכות! ווייל דער מדמה איז שורה אויף די שונה הלכות - איז נישטא קיין בירור הלכה, איז עס אויסגעמישט, צומישט, דאס האט ער נאר געוואלט - 'תבן אינו ניתן' - מען זאל זעהן אז זיי זאלן נישט האבן קיין 'תבונות התורה'! דער 'מדמה' לאזט נישט צו, ער איז שורה אויף די 'שונה הלכות', קענען זיי נישט מברר זיין די הלכה - איז נישטא קיין 'תבונות התורה לעומקה'!

* * *

# 'כח השמחה'!

**וּלְהַכְנִיעַ הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה, הוּא עַל יְדֵי בְּחִינַת יָד, בְּחִינַת (הוֹשֵׁעַ י"ב): "בְּיַד הַנְּבִיאִים אֲדַמֶּה".** - דורך דעם 'יד' איז מען מכניע דעם מדמה! וואס איז 'יד'? **וְיָד, הַיְנוּ בְּחִינַת שִׂמְחָה, בְּחִינַת (דְּבָרִים י"ב): "וּשְׂמַחְתֶּם בְּכָל מִשְׁלַח יֶדְכֶם".**

דאס איז א ידוע'דיגע זאך; אז ס'איז נישט דא אזא מין זאך וואס זאל מאכן דעם מענטשן 'מרה שחורה' אזוי ווי א 'דמיון'! דורך א דמיון קען ער ווערן אזוי - דמיונות - פאלט איהם א שרעק! 'שמחה' איז דער היפך פון מדמה! דער דמיון - נעמט זיך אלץ דערפון - 'דמיון' מאכט מרה שחורה'דיג, און מכניע זיין דער מדמה - זאגט דער רבי - איז דורך 'שמחה', שטארקן זיך מיט שמחה, נישט צולאזן קיין שום דמיונות, 'ושמחתם בכל משלח ידכם', 'יד' איז 'שמחה', און דורך 'שמחה' איז מען מכניע דעם 'כח המדמה'!

**וְזֶה בְּחִינַת כְּלֵי זֶמֶר שֶׁמְּנַגְּנִין בַּיָּד,** כלי זמר מוז מען דאך שפילן מיט די 'יד' - דערפון ווערט שמחה - **שֶׁעַל יְדֵי זֶה שׁוֹרָה הַנְּבוּאָה עַל הַנְּבִיאִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מְלָכִים ב ג'): "קְחוּ לִי מְנַגֵּן" וְכוּ', כִּי הַכְּלִי הוּא הִתְאַסְּפוּת הָרוּחַ, וְהוּא מְעֹרָב טוֹב וָרָע. כִּי יֵשׁ עַצְבוּת רוּחַ, רוּחַ נְכֵאָה** (עיין משלי ט"ו ישעי נ"ד ס"ג). **רוּחַ רָעָה, כַּנֶּאֱמָר בְּשָׁאוּל (שְׁמוּאֵל א ט"ז): "וּבְעַתַּתּוּ רוּחַ רָעָה". וְיֵשׁ רוּחַ טוֹבָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים קמ"ג): "רוּחֲךָ טוֹבָה תַּנְחֵנִי בְּאֶרֶץ מִישׁוֹר". וְהוּא בְּחִינַת רוּחַ נְבוּאָה, רוּחַ הַקֹּדֶשׁ.**

אַךְ כְּשֶׁהוּא מְעֹרָב טוֹב וָרַע, אֵינוֹ יָכוֹל לְקַבֵּל נְבוּאוֹת אֱמֶת. וְעַל כֵּן כָּתוּב בְּשָׁאוּל (שְׁמוּאֵל א י"ט): "וַיִּתְנַבֵּא וְכוּ' וַיִּפֹּל עָרֹם", וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: 'לְשׁוֹן מְשֻׁגָּע'. כִּי הָיָה מְעֹרָב בְּרוּחַ שְׁטוּת, עַצְבוּת רוּחַ, די מדמה איז די היפך פון שמחה, עס ווערט אויסגעמישט, ס'איז דא אין איהם א 'רוח טובה' אויך - אבער עס קען נישט מברר זיין אז ס'זאל 'נאר זיין רוח טובה' - 'רוח נבואה', עס איז אויסגעמישט, צומישט! וְזֶה שֶׁמְּנַגֵּן בַּיָּד עַל הַכְּלִי, הוּא מְקַבֵּץ וּמְלַקֵּט בַּיָּד אֶת הָרוּחַ טוֹבָה, רוּחַ נְבוּאָה, מִתּוֹךְ עַצְבוּת רוּחַ.

וְצָרִיךְ לִהְיוֹת יוֹדֵעַ נַגֵּן - דער אמת'ער צדיק!! 'דוד המלך' איז געווען א יודע נגן, שֶׁיֵּדַע לְקַבֵּץ וְלִלְקֹט וְלִמְצֹא חֶלְקֵי הָרוּחַ אַחַת לְאַחַת, כְּדֵי לִבְנוֹת הַנִּגּוּן, הַיְנוּ הַשִּׂמְחָה. הַיְנוּ לִבְנוֹת הָרוּחַ טוֹבָה.

דער רבי וועט זאגן ווייטער אז דאס מיינט מען 'התבודדות', דורך 'התבודדות' איז ער דאך מברר! דער מענטש ליגט דארטן אין רוח טובה - רוח רעה - ביי דעם מענטש איז עס דאך אויסגעמישט, דארף ער זעהן - דאס איז דער 'ישוב הדעת', דאס איז א 'יודע נגן' - מברר זיין 'אחת לאחת', ער זאל קענען אויפבויען דעם ניגון - דער שמחה, אויפבויען דעם רוח טובה - רוּחַ נְבוּאָה, שֶׁהוּא הֶפֶךְ עַצְבוּת רוּחַ:

כִּי צָרִיךְ לַעֲלוֹת וְלֵירֵד בְּיָדוֹ עַל הַכְּלִי שֶׁמְּנַגֵּן, כְּדֵי לְכַוֵּן לִבְנוֹת הַשִּׂמְחָה בִּשְׁלֵימוּת. וּכְשֶׁהַנָּבִיא שׁוֹמֵעַ זֶה הַנִּגּוּן מֵהַיּוֹדֵעַ נַגֵּן, אֲזַי מְקַבֵּל מִמֶּנּוּ רוּחַ נְבוּאָה, שֶׁקִּבֵּץ זֶה בְּיָדוֹ מִתּוֹךְ הָעַצְבוּת רוּחַ. וְזֶה: "וְנִגֵּן בְּיָדוֹ וְטוֹב לָךְ" (שָׁם בִּשְׁמוּאֵל א י"ט). "וְטוֹב לָךְ" דַּיְקָא, ס'זאל איבער בלייבן ביי דיר נאר דאס 'טוב', שֶׁמְּלַקֵּט וּמְצָרֵף הַטּוֹב מִתּוֹךְ הָרָע. וְעִקַּר הִתְקַבְּצוּת וּבִנְיַן הָרוּחַ נְבוּאָה, הוּא עַל יְדֵי הַיָּד. כִּי שָׁם פִּקְדוֹנוֹת הָרוּחוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ל"א): "בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי", וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (אִיּוֹב י"ב): "אֲשֶׁר בְּיָדוֹ נֶפֶשׁ כָּל חָי וְרוּחַ כָּל בְּשַׂר אִישׁ". וְזֶה (שָׁם בִּמְלָכִים) "וְהָיָה כְּנַגֵּן הַמְנַגֵּן וַתְּהִי עָלָיו יַד ה'".

נִמְצָא עַל יְדֵי שֶׁמְּנַגֵּן בַּיָּד עַל הַכְּלִי זֶמֶר - דער רבי רעדט דא פון די עבודה פונעם אמת'ן צדיק, די עבודה פון דוד המלך'ן, עַל יְדֵי זֶה מְבָרֵר הָרוּחַ טוֹבָה מִן הָרוּחַ רָעָה, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת רוּחַ נְבוּאָה כַּנַּ"ל. וְכָל זֶה הוּא בְּחִינַת הַכְּנָעַת הַמְדַמֶּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת הָרוּחַ רָעָה, רוּחַ שְׁטוּת, שֶׁרוֹצֶה לִפְגֹּם וּלְבַלְבֵּל אֶת בְּחִינַת הָרוּחַ טוֹבָה, רוּחַ נְבוּאָה, ביי יעדעם איינעם - זאגט דער רבי - (איז דא א 'רוח נבואה'), א מענטש רעדט א גוטע געדאנק - זאגט דער רבי דא - איז 'רוח נבואה'! 'לך אמר לבי' - "רוח הקודש" (עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קנ"ו), איז דא אין איהם גוטע געדאנקען! קומט א 'מדמה', דער 'רוח רעה', 'רוח שטות', און טוהט מבלבל זיין דעם 'רוח

טובה', דעם 'רוח נבואה' וואס איז דא אין איהם! עס ווערט אבער נכנע און בטל - דורך 'שמחה' - **וְהוּא נִכְנָע וְנִתְבַּטֵּל, עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה הַבָּאָה עַל יְדֵי הַמְנַגֵּן בְּיָד כַּנַּ"ל.**

זאגט דער רבי טאקע אין תורה י' חלק שני; **'ולבוא לישוב הדעת' איז דורך 'שמחה'!** [ט] 'ישוב הדעת' דאס הייסט; מברר זיין דעם רוח טובה פונעם רוח רעה! דורך 'שמחה' קען מען קומען צו 'ישוב הדעת' - מען זאל מברר זיין דעם רוח טובה און מכניע זיין דעם מדמה!

*

(השואל; דארף מען הערן א קול נגינה פון א 'כלי'?) דער רבי וועט זאגן ווייטער אז דאס מיינט מען 'התבודדות'! 'אזכרה נגינתי' - מיינט מען 'התבודדות'!

(השואל; מען דארף דאך האבן א 'יודע נגן'?!) דער 'יודע נגן' - ער איז דער אמת'ער צדיק! דורך התקשרות צו דעם צדיק - ער איז דער יודע נגן! און בכוח פון דעם 'יודע נגן' קען שוין יעדער איינער אויך מברר זיין ביי זיך - מברר זיין ביי זיך דעם 'רוח טובה'!

אין יעדעם איינעם איז דא א רוח טובה, ס'איז דא אין איהם א רוח נבואה, א רוח הקודש, ס'איז דא אין איהם גוטע געדאנקען! נאר וואס דען - זיי זענען 'צומישט', דער 'מדמה' צודרייט אזוי, אז זיי זענען צומישט! דארף מען דאס מברר זיין; דאס גייט אוועק - און דאס זאל מען נעמען! דאס הייסט 'נגינה', דער גאנצער ניגון ווערט אזוי, מען איז מברר דעם רוח, ווערט א נגינה דערפון!

אזוי זאגט דער רבי ווייטער, אז 'נגינתי' מיינט 'התבודדות', דער נגינה - וואס א מענטש רעדט 'דיבורים', דאס איז מברר! וואס רעדט ער דען - אז ס'איז דא אין איהם דארטן 'רע' איז דא אין איהם, 'צומישינג' איז דא אין איהם - דארטן די אלע שטותים, און ס'איז דא אין איהם 'גוטע געדאנקען' אויך, רעדט ער דאס אויס און איז מברר; דאס יא - און דאס נישט! דאס דארף איך יא, דאס דארף איך נישט, מאכט ער א בירור!

דאס איז א מין נגינה, דאס הייסט א ניגון! ער נעמט ארויס דאס טוב - אזוי ווי נגינה, פון וואנעט ווערט אינגאנצן נגינה? נגינה איז דאך נאר מיט דער ווינט - דער רוח, ארויף, אראפ, ווערט א נגינה! ווייטער וועט דער רבי דאס ארויס רעדן, אז דער ענין פון התבודדות איז אויך א

[ט] ז"ל שם; ... מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב־הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן ... אַךְ דַּע, שֶׁעַל־יְדֵי מָרָה־שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל־כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ. רַק עַל־יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ ... וְלָבוֹא לְשִׂמְחָה הוּא עַל־יְדֵי מַה שֶּׁמּוֹצֵא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבָה עַל־כָּל־פָּנִים, כַּמְבֹאָר עַל פָּסוּק: "אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי" (בְּלִקּוּטֵי הָרִאשׁוֹן, בְּסִימָן רפב), עַיֵּן שָׁם. וְעַל־כָּל־פָּנִים יֵשׁ לוֹ לִשְׂמֹחַ בְּמַה שֶּׁזָּכָה לִהְיוֹת מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, וּכְמוֹ שֶׁאָנוּ אוֹמְרִין: 'בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ, וְהִבְדִּילָנוּ וְכוּ' וְנָתַן לָנוּ תּוֹרַת אֱמֶת' וְכוּ'. מִכָּל זֶה וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה רָאוּי לוֹ לִקַּח לוֹ שִׂמְחָה לְשַׂמֵּחַ דַּעְתּוֹ כַּנַּ"ל...

מין נגינה, ער איז מברר, דאס מעג מען יא, און דאס טאר מען נישט! דאס דארף איך יא, דאס טאר מען יא, דאס דארף מען נישט טראכטן, בין איך מברר!

עס איז דא אין מיר, עס ליגט אין מירביידע זאכן, נאר ס'איז אויסגעמישט, אט אזוי, **'פעם כשר ופעם פסול'** (עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ע"ט). מאך א בירור ביי זיך! אז ער לערנט הלכה (אז הוא מברר) - דאס איז כשר, דאס איז פסול, טמא, דאס איז טהור! דאס דארף זיין ביי מיר אויך אזוי, מאכן א בירור, מברר זיין! ארויס נעמען דעם רוח טובה, דעם רוח נבואה, פון דעם עצבות רוח, רוח נכאה!

ווארום דער מדמה מאכט צומישט, ער צומישט איהם, ער ווייסט נישט וואס טוהט זיך מיט איהם, אט איז ער אזוי - - **אט א 'מלאך', אט א 'גלח'!** (עי' שיש"ק א' תקל"ו). ער וויים נישט וואס טוט זיך, זיי מברר - מאך א ריינע נגינה - דו זאלסט מבטל זיין דעם 'רוח רעה', וואס דער מדמה וויל דיר צומישן, ער וויל דיר נאר מאכן אז דו זאלסט זיין צומישט, דו זאלסט נישט האבן ביי זיך קיין בירור!

דאס איז אינגאנצן וואס דער 'איש צדיק' איז, אז זיין מוח איז א ריינער מוח, עס איז נישט שייך אז ס'זאל זיין ביי איהם צומישט, ביי איהם איז כסדר 'כשר', ביי איהם איז כסדר 'טהור', פארוואס?! ווייל ער האט אזוי מברר געוועזן - אז ס'איז אינגאנצן בטל געווארן דער 'רוח רעה', דער 'עצבות רוח', אינגאנצן בטל געווארן!

אבער ווי איז אז ס'איז צומישט?! דארף מען זיך רייסן דערמיט, טוהן דערמיט! דער רבי רעדט דא ווייטער 'התבודדות', זעהן מברר זיין 'צוביסלעך צוביסלעך', אז דער 'רוח טובה' זאל זיין ביי דיר מערער, דער 'רוח נבואה' זאל זיין ביי דיר מערער - און 'יענער' זאל בטל ווערן, דאס רופט אן דער רבי נגינה!

(השואל; ס'שטייט דאך 'וזה בחינת כלי זמר שמנגנין ביד'?!) 'יד' איז שמחה, דער נגינה - מאכן דעם בירור - איז נאר דורך שמחה! **'ולבוא לישוב הדעת'** - זאגט דער רבי - איז דורך 'שמחה', זאגט דער רבי אין די תורה! מען קען נישט רעדן צום אויבערשטן, דער מענטש איז פול מיט פגמים מיט קלקולים, אז ער וויל רעדן צום אויבערשטן דארף ער אויף זיך ממשיך זיין שמחה, זיך ציהען צו שמחה, דורך שמחה זיך מחיה זיין!

זאגט דער רבי; **'ולבוא לשמחה'** - איז דורך **'נקודות טובות'** - דארט אין תורה י' - דורך **'אזמרה לאלקי בעודי'** (ליקוטי מוהר"ן תו' רפ"ב), מען מוז זיך פריער מחיה זיין מיט טוב, דורכדעם קען ער קומען צו שמחה, און דורך שמחה וועט ער קענען רעדן צום אויבערשטן - וועט ער קענען מאכן דעם בירור, וועט ער קענען מאכן דעם בירור!

וואס איז 'ישוב הדעת'?! איך בין זיך מיישב; דאס יא, דאס נישט! דאס הייסט דאך א מין 'בירור', איך בין 'מברר', ס'איז דאך אויסגעמישט! דאס קען נישט זיין - זאגט דער רבי - נאר דורך 'שמחה', דער גאנצער מדמה איז נאר - מאכן דער מענטש מרה שחורה'דיג, איהם צומישן, ער לאזט איהם נישט האבן קיין ריינעם געדאנק, ער לאזט איהם נישט זיך נעמען א קביעות אין א זאך - ער איז 'דא', ער איז שוין ווייטער 'דארטן'! מברר זיין די זאך - זאגט דער רבי - איז דורך שמחה!

*

# להיות 'יודע נגן'!

(השואל; אין לקוטי תפילות שטייט דאך מען זאל זוכה זיין הערן א קול נגינה פון א מנגן כשר - 'א יודע נגן'?!)

יא, א 'יודע נגן' מיינט מען דעם אמת'ן צדיק! דער עיקר איז טאקע אזוי, אויב מען האט טאקע זוכה געווען צו הערן די תורה פונעם אמת'ן צדיק, און זיינע דיבורים - ער איז דאך אוודאי א 'יודע נגן' - האט זיך אפגעטאן אלע תיקונים! נו, און היינט דארף מען האבן 'התקשרות' צו דער צדיק, התקשרות צו דעם רבי'ן וואס ער איז א 'יודע נגן', ער איז דער 'נעים זמירות ישראל', ער איז אלעם!

אוודאי, אז מען איז זוכה צו הערן - רבי נתן האט גוט געוואוסט, ער האט דאך געהערט פונעם רבי'ן דעם קול, וואס ער איז א 'יודע נגן', האט ער דאך געהערט, בעט ער אוודאי אזוי - -

*

(השואל; אבער ער רעדט דאך ממש פון קול נגינה?!) אבער דער רבי רעדט ווייטער; 'אזכרה נגינתי בלילה', אז דער 'ניגון' היינט - - - וואס מיינט דער רבי? מיר זאלן שפילן אויף א פידל?! דער רבי וויל מיר זאלן שפילן מיט פידלען?! וואס וויל דער רבי פון אונז?!

דער רבי זאגט ווייטער, אז ס'קומט 'חצות', ווערט דערוועקט א 'כינור של דוד', דעמאלטס ווערט דערוועקט דער 'ניגון דקדושה', ס'וועט דערוועקט דער כינור של דוד! דוד המלך האט ממשיך געווען עפעס א מין 'כינור', אז עס קומט דער צייט פון חצות ווערט דערוועקט א כינור של דוד!

דוד המלך האט אזא מין 'כינור' אפגעארבעט, אז ווען עס קומט חצות וועט דערוועקט דער כינור - 'אז נתעורר בחינת הניגון דקדושה הנמשך מכינור של דוד'! קומט אוים אפילו איינער קען נישט שפילן מיט קיין פידל, אבער אז דער אויבערשטער העלפט, ער שטייט אויף חצות, דערוועקט זיך א פידעלע פון דוד המלך'ן - פון דעם 'כינור'! און דאס איז דער ניגון, דאס איז דער ניגון!!

דוד המלך האט אזוי גוט געמאכט מיט זיינע 'נעים זמירות ישראל', דעם ניגון מיט דעם 'עשרה מיני נגינה', מיט דעם זיסקייט פונעם תהלים, אז ס'איז דא אזא כינור דא ביי איהם, וואס ווען ס'קומט חצות - זאגט דער רבי - ווערט דערוועקט דער נגינה פונעם כינור של דוד!

קומט אוים אז מיר אלע זענען "קלעזמער'ס"! אלע נאכט קענען מיר האבן - מיר אלע קענען האבן דעם כינור! נאר וואס דען, דעמאלטס ווערט דערוועקט דעם 'כינור של דוד', 'וכיון שהגיע חצות לילה היה מנגן מאליו' (ברכות ג' ע"ב), עס איז א תמיד'דיגע זאך, ווען עס קומט חצות לילה ווערט דערוועקט דעם כינור של דוד!

מיר דארפן זיך זוכן זמנים וואס דעמאלטס איז מסוגל דערצו, דעמאלטס איז מסוגל מען זאל קענען מאכן דעם בירור, דאס 'פידעלע' וואס מאכט דעם בירור - 'דער כינור'! ווען איז דער זמן?! דער זמן - זאגט דער רבי - איז 'חצות'!! דאס איז א געוואלדיגע לשון; 'היינו שבחצות לילה אז נתעורר בחינת הניגון דקדושה הנמשך מכינור של דוד'! אז עס קומט 'חצות לילה' - זאגט דער רבי - ווערט דערוועקט דער 'ניגון דקדושה הנמשך מכינור של דוד'!

דאס וואס ס'שטייט אין די גמרא 'כינור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד', דאס איז א שטענדיגע זאך, א דבר התמידי! ווען דאס קומט איז טאקע 'למעלה ממטתו' - דער כינור ליגט ביים 'בעט', און ער ווערט דערוועקט; "גייט אראפ! לויפט אראפ פון בעט"! איי איי!

זאגט דער רבי; **'נמצא על ידי שמנגן ביד על הכלי זמר, על ידי זה מברר הרוח טובה מן הרוח רעה, שזהו בחינת רוח נבואה כנ"ל. וכל זה הוא בחינת הכנעת המדמה, שהוא בחינת הרוח רעה, רוח שטות, שרוצה לפגם ולבלבל את בחינת הרוח טובה, רוח נבואה'**, דער רבי רופט אן די אלע לשונות, וואס ער (די מדמה) וויל פוגם זיין און מבלבל זיין דעם רוח טובה דעם רוח נבואה, **'והוא נכנע ונתבטל, על ידי השמחה הבאה על ידי המנגן ביד כנ"ל'.**

*

(אחד מהנוכחים; ר' אייזיק'ל פון בארדיטשוב איז ביי איהם געווען בירושה דעם בעל שם'ס פידל?!) די 'פידעלע', יא, שוין, ער איז געווען א 'מנגן'! אבער איך רעד דערפון - דער רבי מיינט שפילן?! אונזערע לייט האבן גארנישט געקענט שפילן! ווער האט געקענט שפילן? און זיי זענען געווען גוטע שפילער! גוט שפילער'ס געווען - און זיי האבן גארנישט געקענט שפילן פון קיין פידל! גוטע שפילער - 'אויפגעשטאנען חצות'!!

דער שווער (ר' אהרן קיבליטשער ז"ל) איז געווען אזא מין 'מנגן' - דער שווער - ער פלעגט זאגן 'חצות' אזוי ווי א שיין פידל! געווען א מנגן, אזוי זים געווען, א שיין פידעלע געשפילט, א גוטע מנגן, א 'יודע נגן' - - -

*

כִּי עִקַּר הִתְגַּבְּרוּת הַמְדַמֶּה הוּא עַל יְדֵי עַצְבוּת, כִּי הַמְדַמֶּה הוּא בְּחִינַת עַצְבוּת רוּחַ, רוּחַ נְכֵאָה, רוּחַ רָעָה, שֶׁהוּא מְבַלְבֵּל אֶת הָרוּחַ טוֹבָה, רוּחַ נְבוּאָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת זִכָּרוֹן הַנַּ"ל, בְּחִינַת לְאַדְבָּקָא מַחֲשַׁבְתָּא בְּעָלְמָא דְּאָתֵי הַנַּ"ל. וְעַל כֵּן אֵין יְכוֹלִין לְקַבֵּל רוּחַ נְבוּאָה, רוּחַ הַקֹּדֶשׁ, כִּי אִם עַל יְדֵי שִׂמְחָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת מְנַגֵּן בַּיָּד, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְהָיָה כְּנַגֵּן הַמְנַגֵּן וַתְּהִי עָלָיו יַד ה'", בְּחִינַת: "וְנִגֵּן בְּיָדוֹ וְטוֹב לָךְ" וְכוּ' כַּנַּ"ל:

*

# די 'כלי' דארף זיין 'בשלימות'!...

וְזֶה הַמְנַגֵּן, צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה יוֹדֵעַ נַגֵּן כַּנַּ"ל. גַּם, צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה הַכְּלִי בִּשְׁלֵמוּת, וואס מיינט דער רבי דא - ער זאל זיין א 'יודע נגן' און דער 'כלי' - ער זאל האבן א גאנצער פידל?! וואס מיינט דער רבי 'די כלי זאל זיין בשלימות'?! עס מוז דאך זיין ביידע, אז איינער קען שפילן, מוז ער דאך האבן א פידל אויך, איז וואס מיינט דער רבי 'דער כלי זאל זיין בשלימות' - **כְּדֵי שֶׁלֹּא תֵּצֵא כָּל הָרוּחַ הַמְעֹרָב טוֹב וָרַע בְּבַת אַחַת**, עס גייט ארויס דער גאנצער רוח, עס ווערט נישט קיין ניגון דערפון -- וואס מיינט דער רבי דא?!

פלעגט מען אזוי לערנען דא; דוד המלך האט געשפילט א ניגון - מיט'ן תהילים האט ער געשפילט א ניגון, דער 'תהילים' איז א שיינער ניגון, ער האט געלערט 'תורה' -- עס שטייט אין זוהר הקדוש; אז ביי דוד המלך'ס קימת חצות האט ער אזוי הויעך געלערנט תורה, אז גאנץ ירושלים האט געהערט זיין לערנען, פלעגן מענטשן אויפשטיין - 'אז דער מלך לערנט אזוי הויך, מיט אזא מין קול, דארפן מיר אויך אויפשטיין לערנען'!

קומט אוים אז מיט יעדע זאך שפילט מען א ניגון; מיט 'תורה' שפילט ער א שיינער ניגון, מיט 'תפילה' שפילט ער א שיינער ניגון, אבער ער קען דאך נישט שפילן א ניגון אן דעם 'כלי', מיט וואס שפילט ער דעם ניגון?! דער 'כלי' אויף וואס ער שפילט דעם ניגון זאל זיין א גאנצע 'כלי'!

ווען רבי נתן איז געווען דארט אין גאליציע, האט ער איינעם געהערט דאווענען (אחר זמנו), האט ער געזאגט; אזוי שיין געדאוונט, עס איז א 'קארפינער אתרוג', אבער ס'איז געווען אום 'חנוכה'!

דאס הייסט; אז די כלי איז נישט 'בשלימות'! ער שפילט טאקע א שיינעם ניגון, אבער די כלי איז נישט קיין גאנצער כלי, עס איז נישט 'בזמן' די דאווענען, די כלי דארף זיין א גאנצער כלי!

דער רבי האט געזאגט; דו זאלסט נישט טשעפּענען קיין סעיף קטן פונעם שולחן ערוך! די דאווענסט, די לערנסט, די טוה'סט א מצווה - אז דער מצוה איז 'בזמנו', אפגעהיט אזוי ווי ס'דארף זיין, אזוי ווי דער 'שולחן ערוך' לערנט אונז, האבן מיר א 'גאנצער כלי' - דעמאלטס קען ער זיין א 'יודע נגן'!

איז ביידע צוזאמען - ער איז א 'יודע נגן', אבער די כלי דארף זיין א 'גאנצער כלי'! אונזערע לייט פלעגן אזוי לערנען - ער דאווענט נאך די צייט - ער שפּילט א שיינעם ניגון! אבער די כלי איז נישט קיין גאנצער כלי - די כלי איז נישט בשלימות!

ער מוז דאך שפּילן מיט א 'כלי' - וואס ער טוט עפּעס א דבר טוב - די זאך הייסט א 'כלי', און פון דעם כלי דארף ארויסגיין א שיינעם ניגון, מיט דעם כלי דארף ער שפּילן דעם ניגון, אזוי ווי מען שפּילט א ניגון פון 'תפילה' - 'נעים זמירות ישראל' - איז א "זיס'יגער ניגון", אזוי שפּילט מען א ניגון פון 'תורה' אויך - ער לערנט תורה - דאס איז אויך א שיינעם ניגון, ער שפּילט א שיינעם ניגון מיט די תורה! אבער אלץ דארף זיין 'בשלימות', אז מען לערנט תורה - ס'איז טאקע הלכה'דיג אזוי ווי עס דארף צו זיין, איז עס א שיינער ניגון, און מען דאווענט אין דער צייט - אין יעדע זאך איז דא הלכות, אז ס'איז הלכה'דיג איז עס גאנץ! איך טוה די מצוה, איך טוה די זאך, אז די זאך איז גאנץ - קען איך דורך דעם זאך שפּילן דעם שיינעם ניגון!

דער רבי זאגט טאקע אין תורה י"ד (אות ח'); **כי התפילה במקום קרבן, ובקרבן כתיב ביה "כל אשר בו מום לא יקרב"** (ויקרא כ"א), עיי"ש. דער 'כהן גדול' איז געווען דער גרעסטער 'יודע נגן', אבער אז זיין קרבן האט געהאט א 'מום' האט ער נישט געטארט ברענגן דעם קרבן! דארטן זאגט דער רבי אז 'יראה' מאכט 'גאנץ'.

הכלל, אונזערע לייט פלעגן תמיד זאגן פשט דא, אז די עבודה וואס ער טוהט זאל זיין 'גאנץ', און ער זאל זיין א 'יודע נגן', דעמאלטס וועט ער שפּילן דעם ניגון! "הלכה'דיג בזמנו" - יעדע זאך וואס ער טוהט אין עבודת השם - דאס איז די כלי, וואס אויף דער כלי דארף ער שפּילן א ניגון, איז א 'יודע נגן' - איז נאך ווינציג, ער איז טאקע א 'יודע נגן', אבער דער כלי איז נישט קיין 'גאנצער כלי', די כלי איז נישט 'בזמנו', ס'איז נישט "הלכה'דיג", ער פארגרייזט הלכות, דאס הייסט אז די כלי איז נישט קיין כלי! וואס האב איך אז ער איז א יודע נגן?!

אזוי מען פלעגט לערנען, אז די כלי מיינט מען - אז די עבודה וואס ער טוהט, זאל זיין גאנץ - הלכה'דיג, גאנץ! ממילא, אז ער איז א 'יודע נגן', קען ער מיט דעם כלי שפּילן א ניגון! און ס'איז דא אסאך כלים; לערנט ער - איז די 'תורה' די כלי, דאווענט ער - איז 'תפילה' די כלי, ער טוהט א מצוה - וואס ער טוט עפּעס א זאך - דאס איז די כלי!

מען מוז זאגן אז די 'יודע נגן' - כאטש די רבי כאפט אן א 'פידל' - דער רבי מיינט נישט נאר א 'פידל', ווייטער זאגט דער רבי בפירוש, אז דאס גייט אויף 'התבודדות', יעדע עבודה וואס א מענטש טוהט, זאל זיין גאנץ! דער עבודה איז די כלי, וואס פאר א עבודה עס איז, ער לערנט, ער דאווענט, זאל זיין גאנץ! אז ס'איז בזמנו - איז עס שוין גאנץ, עס איז א געוואלדיגע זאך!

רבי נתן האט אזוי געזאגט; א קארפינער אתרוג, און ס'איז נישט בזמנו! ער האט טאקע געשפילט א שיינעם ניגון, אזוי שיין געדאווונט - דער רב - שיין געדאווענט! קומט אוים אז ער איז א 'יודע נגן', אבער די 'כלי' איז נישט 'בשלימות', ס'איז נישט בזמנו! 'וכל אשר בו מום לא יקרב', דער כהן גדול איז געווען א יודע נגן, טאמער האט מען איהם געגעבן א שעפס, צו א זאך, אפילו אביסל מעהל, וואס איז נישט געווען גאנץ - איז עס געווען פסול! דארף זיין די כלי א גאנצע, דעמאלטס קען דער כהן גדול שפילן דעם שיינעם ניגון! מוז ער אבער האבן א גאנצער כלי, 'כל אשר בו מום לא יקרב', ס'איז נישט גאנץ!

**וְעַל כֵּן צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה יוֹדֵעַ נַגֵּן וְגַם שֶׁיִּהְיֶה הַכְּלִי שֶׁמְּנַגְּנִין עָלָיו שָׁלֵם**, דערפאר האט דער רבי געזאגט טאקע; איר קענט קנייטשן מיין ספר ווי איר ווילט, אבער נישט טשפענען קיין סעיף קטן פון שולחן ערוך! אז מען טשעפעט מיט'ן שלחן ערוך, איז שוין די כלי נישט קיין גאנצער כלי, ס'איז נישט גאנץ! מעג ער זיין וואס ער וויל, די כלי איז נישט גאנץ! אז ס'איז הלכה'דיג - איז עס בשלימות! **כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְבָרֵר וּלְכַוֵּן הַנִּגּוּן בִּשְׁלֵמוּת כָּרָאוּי, שֶׁהוּא בְּחִינַת מַה שֶּׁמְּבָרֵר הָרוּחַ טוֹבָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת שִׂמְחָה, בְּחִינַת רוּחַ נְבוּאָה. מִן הָעַצְבוּת רוּחַ, שֶׁהוּא רוּחַ רָעָה כַּנַּ"ל.**

*

[מכאן חסר השיעור בהטייפ, והושלמנו מתוך הלשון שבספה"ק ליקוטי מוהר"ן]

**כִּי כְּשֶׁאֵין הַכְּלִי שָׁלֵם, אוֹ שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ נַגֵּן, וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ לַעֲלוֹת וְלֵירֵד בְּיָדוֹ, לְבָרֵר הָרוּחַ טוֹבָה מִן הָרוּחַ רָעָה, עָלָיו נֶאֱמַר (מִשְׁלֵי כ"ט): "כָּל רוּחוֹ יוֹצִיא כְּסִיל", דְּהַיְנוּ שֶׁמּוֹצִיא כָּל הָרוּחַ בְּבַת אַחַת, וַאֲזַי בְּוַדַּאי אֵין נִבְנֶה הַנִּגּוּן. כִּי עִקַּר נְעִימַת הַנִּגּוּן, נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי בֵּרוּר הָרוּחַ (שֶׁהוּא הָאֲוִיר שֶׁמְּשַׁמֵּשׁ הַקּוֹל, כַּיָּדוּעַ לְחַכְמֵי הַנְּגִינָה). הַיְנוּ שֶׁעִקַּר בְּחִינַת הַנִּגּוּן, הוּא עַל יְדֵי בֵּרוּר הָרוּחַ טוֹבָה מִן הָרוּחַ רָעָה. וּכְשֶׁיּוֹצֵא כָּל הָרוּחַ בְּבַת אַחַת, יוֹצֵא כְּמוֹ שֶׁהוּא מְעֹרָב טוֹב וָרַע, וַאֲזַי אֵין נִבְנֶה הַנִּגּוּן וְהַשִּׂמְחָה, וְאֵין נִבְנָע הַמְדַמֶּה.**

**וְזֶה בְּחִינַת (תְּהִלִּים קמ"ו): "תֵּצֵא רוּחוֹ יָשֻׁב לְאַדְמָתוֹ". "לְאַדְמָתוֹ", הַיְנוּ בְּחִינַת הַמְדַמֶּה. הַיְנוּ כְּשֶׁיּוֹצֵא כָּל הָרוּחַ, אֲזַי חוֹזֵר וְשָׁב אֶל הַמְדַמֶּה. כִּי לֹא נִבְנָע הַמְדַמֶּה, מֵאַחַר שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְלַקֵּט וּלְבָרֵר הָרוּחַ טוֹבָה, וְיוֹצֵא כָּל הָרוּחַ הַמְעֹרָב טוֹב וָרַע. אֲבָל כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ**

בְּחִינַת יָד הַנַּ"ל, הַמְלַקֵּט וּמְבָרֵר בְּחִינַת הָרוּחַ טוֹבָה מִן הָרוּחַ רָעָה. אֲזַי מַכְנִיעַ הַמְדַמֶּה, בִּבְחִינַת: "וּבְיַד הַנְּבִיאִים אֲדַמֶּה" כַּנַּ"ל. כִּי עִקַּר בְּחִינַת הַנְּבוּאָה, הוּא מִבְּחִינַת הַיָּד הַנַּ"ל, שֶׁמְּבָרֵר הָרוּחַ טוֹבָה מִן הָרוּחַ רָעָה. וְעַל יְדֵי זֶה מַכְנִיעַ הַמְדַמֶּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת רוּחַ רָעָה הַמְעֹרָב בְּרוּחַ טוֹבָה כַּנַּ"ל:

וְזֶה שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי ל'): "מִי עָלָה שָׁמַיִם וַיֵּרַד, מִי אָסַף רוּחַ בְּחָפְנָיו, מִי צָרַר מַיִם בַּשִּׂמְלָה, מִי הֵקִים כָּל אַפְסֵי אָרֶץ". 'מִי עָלָה שָׁמַיִם וַיֵּרַד', זֶה בְּחִינַת הַמְנַגֵּן כִּי זֶה הַמְנַגֵּן, הוּא עוֹלֶה וְיוֹרֵד בַּנְּגִינָה. כִּי צָרִיךְ לַעֲלוֹת וְלֵירֵד בְּמִדַּת הַנִּיגּוּן, כְּפִי מִשְׁקַל הַשִּׁיר, כְּדֵי לְקַבֵּץ הָרוּחַ: וְזֶה, מִי אָסַף רוּחַ בְּחָפְנָיו. בְּחָפְנָיו מַמָּשׁ, שֶׁהֵם הַיָּדַיִם, כִּי שָׁם שֹׁרֶשׁ הָרוּחַ כַּנַּ"ל. שֶׁעִקַּר בְּחִינַת הָרוּחַ הוּא בַּיָּדַיִם, שֶׁשָּׁם פִּקְדוֹנוֹת הָרוּחוֹת כַּנַּ"ל: וְזֶה, מִי צָרַר מַיִם בַּשִּׂמְלָה. מַיִם, בְּחִינַת לֵב כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (אֵיכָה ב'): "שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ". הַיְנוּ שֶׁעַל יְדֵי זֶה שֶׁמְּלַקֵּט הָרוּחַ, הוּא צוֹרֵר מַיִם בַּשִּׂמְלָה, שֶׁשּׁוֹמֵר הַלֵּב שֶׁלֹּא יִשְׁלֹט עָלָיו הַמְדַמֶּה:

וְזֶה מִי הֵקִים כָּל אַפְסֵי אָרֶץ, שֶׁעַל יְדֵי זֶה הוּא מֵקִים בְּחִינַת רַגְלִין הַמְלֻבָּשׁ בְּזֶה הָעוֹלָם. "אַפְסֵי", בְּחִינַת רַגְלִין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְחֶזְקֵאל מ"ז): "וַיַּעֲבִרֵנִי מֵי אָפְסָיִם". כִּי עַל יְדֵי נִגּוּן בַּיָּד הַנַּ"ל, עַל יְדֵי זֶה נִכְנָע הַמְדַמֶּה. וַאֲזַי זוֹכֶה לַזִּכָּרוֹן הַנַּ"ל, שֶׁהוּא בְּחִינַת מַה שֶּׁיּוֹדֵעַ לְהָבִין כָּל הָרְמָזִים שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם, שֶׁהֵם בְּחִינַת חִיּוּת אֱלֹקוּת, בְּחִינַת רַגְלֵי הַקְּדֻשָּׁה, הַמְלֻבָּשִׁים בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ: "מִי הֵקִים כָּל אַפְסֵי אָרֶץ", שֶׁמַּעֲלֶה וּמֵקִים בְּחִינַת רַגְלֵי הַקְּדֻשָּׁה הַמְלֻבָּשִׁין בְּזֶה הָעוֹלָם כַּנַּ"ל:

*

# לשמור את עיניו מ'חיזו דהאי עלמא'!

[החלק דלהלן הושלם מתוך השיעור משנת
תשל"ח, טיי"פ מס' 344#]

וְזֶהוּ, וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים. שְׁנָתַיִם יָמִים, הוּא בְּחִינַת מוֹצִיאֵי דִבָּה, הַנֶּאֱמַר בָּהֶם (בְּמִדְבַּר י"ד): "יוֹם לַשָּׁנָה יוֹם לַשָּׁנָה". שֶׁעַל יָדָם נִתְקַלְקֵל וְנִפְגַּם בְּחִינַת אַהֲבָה דִקְדֻשָּׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת: "וְקָמַץ הַכֹּהֵן" כַּנַּ"ל, אויבן האבן מיר געלערנט אז 'וקמץ הכהן' - 'כהן' איז 'אהבה', 'וקמץ' איז 'אהבה'. "מקץ" איז די היפך פון "וקמץ" - וְזֶה מִקֵּץ, שֶׁהוּא בְּחִינַת פְּגַם הַקָּמַץ - פון "קמץ" ווערט "מקץ", וּפַרְעֹה חֹלֵם, הַיְנוּ הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה כַּנַּ"ל. "וְהִנֵּה עֹמֵד עַל הַיְאֹר", הַיְאֹר, זֶה פִּישׁוֹן. הַיְנוּ בְּחִינַת פִּי שׁוֹנֶה הֲלָכוֹת, שֶׁמִּתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה כַּנַּ"ל. וְהִנֵּה מִן הַיְאֹר וְכוּ', הַיְנוּ שֶׁעַל יָדָם בָּא שֶׁבַע שְׁנֵי שָׂבָע וְשֶׁבַע שְׁנֵי רָעָב, הַיְנוּ טוֹב וָרַע כַּנַּ"ל. וְהָרַע מִתְרַבֶּה וְגוֹבֵר עַל הַטּוֹב, בִּבְחִינַת: "וְלֹא נוֹדַע כִּי בָאוּ אֶל קִרְבֶּנָה".

**וְתִקּוּנוֹ הוּא יוֹסֵף, בִּבְחִינַת (בְּרֵאשִׁית ל') "אָסַף אֱלֹקִים אֶת חֶרְפָּתִי". שֶׁהוּא מַמְתִּיק אֶת הָרָע, שֶׁהוּא בְּחִינַת הָרָעָב** - ווען יוסף איז געבוירן געווארן האט דאס רחל געזאגט. 'חרפה' איז 'פגם אהבה דקדושה', און אז יוסף איז געבוירן געווארן - איז 'אסף אלוקים את חרפתי', איז געווארן 'אוים חרפה', ווייל ס'איז געווארן א התגברות פון 'אהבה דקדושה'!

'יוסף' גרייט צו - מען זאל צוגרייטן - אז די 'שבע שני הרעב' דארף קומען, זאל זיין 'האוכל לפיקדון' (בראשית מ"א ל"ו), דער אמת'ער צדיק 'יוסף', וואס ער איז די כח פון 'אהבה דקדושה', די היפך פון 'חרפה', ער מאכט אז אפילו בשעת 'רעב' - זאל אויך זיין וואס צו עסן! ער הייסט ס'זאל זיין א 'פיקדון', מ'זאל צוגרייטן, ס'זאל נישט זיין קיין התגברות פונעם רע! אז דער טוב איז אזוי פיל גרוים - בשעת דער טוב איז דא - אז מען גרייט צו אז ס'זאל זיין אויף די 'רעב' אויך, איז ער ממתיק דעם רע, ער איז ממתיק דעם 'רעב'! (עי' ליקוטי הלכות הל' בציעת הפת ה' אות מ', ועוד).

**בִּבְחִינַת (יְחֶזְקֵאל ל"ו): "אֲשֶׁר לֹא תִקְחוּ עוֹד חֶרְפַּת רָעָב בַּגּוֹיִם"** - וויבאלד אז יוסף איז אהבה דקדושה, איז נישט דא דער חרפת רעב, דאס גאנצע רעב איז נאר ווענן די 'חרפה' - די 'אהבות הנפולות', ממילא איז דא 'רעב', אבער אז יוסף הצדיק איז 'אסף אלוקים את חרפתי' - ס'איז נישטא די חרפה - איז נישט דא די חרפת רעב! **וְהוּא בְּחִינַת: "אָסַף רוּחַ" וְכוּ', בְּחִינַת (בְּרֵאשִׁית מ"א): "אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ אֱלֹקִים בּוֹ".**

*

**וְזֶה שֶׁנֶּאֱמַר בּוֹ, (שָׁם מ"ו): "וְיוֹסֵף יָשִׁית יָדוֹ עַל עֵינֶיךָ"** - דער רבי זאגט דאך אויבן, אז דער 'מדמה' איז 'רע עין' - 'א פגם אויף די אויגן', איז - 'ויוסף ישית ידו על עיניך' - יוסף איז דער היטער מיט די האנט אויף די אויגן! טייטשט דער רבי; **שֶׁעַל יְדֵי הַיָּד** - 'יד' איז 'שמחה' וואס מען האט אויבן געלערנט - **נִשְׁמָר הָעַיִן מִכֹּחַ הַמְדַמֶּה כַּנַּ"ל.**

קומט פון דאנעט אוים; אז דער עיקר וואס יוסף - - ער האט געהיט די אויגן דארטן, **'צעדה עלי שור'** (בראשית מ"ט כ"ב, עי' פירש"י שם), ער האט נישט געוואלט קוקען! וויבאלד דער אמת'ער צדיק האט די 'ריינע אויגן' - ריינע אויגן טאקע פון די וועלט (עי' סיפורי מעשיות, י"ג יום א') - האט ער טאקע 'אהבה דקדושה', האט ער דעם 'יד', און ער איז מכניע דעם כח המדמה!

דער רבי רעדט דא פון די 'אויגן', איז דא אסאך טייטשן אין די 'אויגן'; איינמאל - טאקע פשוט, נישט האבן קיין 'רע עין', און - טאקע האבן 'גוטע אויגן' אויך, האבן 'ריינע אויגן'! 'ויוסף ישית ידו' - דער 'יד' - ער האט די 'שמחה', ער איז מכניע די 'כח המדמה'. **עַיֵּן בְּסָבָא (מִשְׁפָּטִים דַּף צ"ח) מַה שֶּׁדָּרַשׁ עַל פָּסוּק: "ה' אֱלֹקַי גָּדַלְתָּ מְּאֹד" וְכוּ'.**

* * *

# 'לברר' הטוב מן הרע...

וְזֶה בְּחִינַת (תְּהִלִּים ע"ז): "אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה עִם לְבָבִי אָשִׂיחָה וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי". בַּלַּיְלָה, שֶׁאָז הוּא פִּקְדוֹנוֹת הָרוּחוֹת, בְּחִינַת: "בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי" הַנַּ"ל, אֲזַי הַזְּמַן לְקַבֵּץ הָרוּחַ טוֹבָה מִתּוֹךְ הָרוּחַ רָעָה. הַיְנוּ שֶׁאָז עִקַּר הַזְּמַן שֶׁל הַהִתְבּוֹדְדוּת, לְהִתְבּוֹדֵד בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לָשׂוּחַ עִם לְבָבוֹ, 'התבודדות' הייסט; מען איז 'מברר', א מענטש איז אויסגעמישט טוב ורע, טאקע דער מדמה איז אויסגעמישט, 'התבודדות' איז 'מברר'! דורכדעם וואס ער רעדט ארויס פאר'ן אויבערשטן, ער רעדט ארויס וואס אויף איהם גייט איבער, מאכט ער שוין דעם בירור - אז דאס שלעכטס פאלט אראפ און דאס גוטס בלייבט איבער! וּלְחַפֵּשׂ הָרוּחַ טוֹבָה, דְּהַיְנוּ הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁיֵּשׁ בּוֹ עֲדַיִן, לְבָרְרָם מִתּוֹךְ הָרוּחַ רָעָה. שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת נִגּוּן הַנַּ"ל, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה נִשְׁמָר הַזִּכָּרוֹן כַּנַּ"ל.

דְּהַיְנוּ שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה זוֹכֶה לִזְכֹּר תַּכְלִיתוֹ הָאַחֲרוֹן לָעוֹלָם הַבָּא, וְלַחֲשֹׁב תָּמִיד עַל סוֹפוֹ וּלְאַדְבְּקָא מַחֲשַׁבְתֵּהּ בְּעָלְמָא דְּאָתֵי תָּמִיד. שֶׁכָּל זֶה הוּא בְּחִינַת זִכָּרוֹן כַּנַּ"ל, די גאנצע מדמה איז נאר - אז מען ליגט 'נאר' אין דער וועלט, מען האט נישט אינזין דעם 'עלמא דאתי', (ממילא) איז דא 'דמיון' - כסדר דמיונות, דמיונות, דמיונות! ס'איז א לשון פון זוהר הקדוש; אז יענע וועלט הייסט 'עלמא דקשוט', די וועלט הייסט 'עלמא דפרודא' - 'שקר'! אז א מענטש איז מקשר 'דער וועלט' צו 'עלמא דאתי', דערמאנט ער דעם אמת פון דארט! אבער אז ער האט נאר אינזין דא - ליגט ער אין א 'עלמא דפרודא', מיט 'דמיונות'!

וְזֶהוּ: "אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי". אִם תְּדַקְדֵּק בַּמִּקְרָא הַזֶּה, תִּמְצָא שֶׁבְּכָל הַמִּלּוֹת הָאֵלֶּה בְּכֻלָּם מְבֹאָר כָּל עִנְיָן הַנַּ"ל. אֶזְכְּרָה, זֶה בְּחִינַת הַזִּכָּרוֹן הַנַּ"ל, שֶׁצְּרִיכִין לִזְכֹּר תָּמִיד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי. וְזֶה בְּחִינַת נְגִינָתִי, דְּהַיְנוּ בְּחִינַת הַנִּגּוּן הַנַּ"ל, שֶׁהוּא בְּחִינַת בֵּרוּר הַטּוֹב מִן הָרָע כַּנַּ"ל. כִּי עַל־יְדֵי בְּחִינַת נִגּוּן וְשִׂמְחָה, יְכוֹלִין לִזְכֹּר עַצְמוֹ בָּעוֹלָם הַבָּא. כִּי שְׁמִירַת הַזִּכָּרוֹן הוּא, עַל־יְדֵי נִגּוּן בַּיָּד, שֶׁהוּא בְּחִינַת שִׂמְחָה כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ בַּלָּיְלָה, כִּי עִקַּר בֵּרוּר הָרוּחַ טוֹבָה הוּא בַּלַּיְלָה, שֶׁאָז הוּא פִּקְדוֹנוֹת הָרוּחוֹת כַּנַּ"ל.

וְזֶהוּ: "עִם לְבָבִי אָשִׂיחָה". כִּי עַל־יְדֵי בְּחִינַת נִגּוּן וְשִׂמְחָה הַנַּ"ל, עַל־יְדֵי־זֶה נִשְׁמָר הַלֵּב מִכֹּחַ הַמְדַמֶּה כַּנַּ"ל. וְאָז יָכוֹל לִשְׁפֹּךְ לִבּוֹ כַּמַּיִם לִפְנֵי ה', שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת: "מִי צָרַר מַיִם בַּשִּׂמְלָה" הַנַּ"ל, בִּבְחִינַת: "שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'", דער רבי האט געזאגט אויבן, אז 'שכחה' איז 'מיתת הלב', דער עיקר איז דאך 'דאס הארץ', דער דמיון איז אין 'הארץ', און דאס גאנצע 'אלוקות' איז אין 'הארץ' (עי' ליקו"מ תניינא תו' נ"ו), אלעס איז אין הארץ!

'עם לבבי אשיחה' - דורך די רעדן, ווערט אפגעהיטן דאס הארץ פון די 'כח המדמה', 'מי צרר מים בשמלה' - טייטשט דער רבי אויבן - 'צרר' א לשון פון 'בינדן', 'מים' - מ'טוהט צובינדן דאס

'הארץ' - 'שפכי כמים לבך' - צובינדן דאס הארץ מיט א 'שמלה'! צו ניצל ווערן פון די אהבות רעות, איז דורך 'שפכי כמים לבך' - 'עם לבבי אשיחה' - ווערט אפגעהיט דאס הארץ פון די 'כח המדמה', ווערט עם אפגעהיט פון די אהבות רעות - האט ער דעם 'זכרון'!

[עד כאן משנת תשל"ח]

*

**וְזֶהוּ עִם לְבָבִי אָשִׂיחָה וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי. שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרְרִין לָשׂוּחַ עִם לְבָבוֹ** - "רעדן מיט'ן הארץ" איז אנדערע דיבורים - 'עם לבבו' - **מִתַּכְלִיתוֹ הַנִּצְחִי לָעוֹלָם הַבָּא, וּלְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ לִמְצֹא הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת, בְּחִינַת הָרוּחַ טוֹבָה שֶׁבְּקִרְבּוֹ, כְּדֵי לָשׁוּב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי זֶה.**

יעדער מענטש האט אין זיך אסאך 'טוב', (מ'דארף) נאר אפזוכן דעם 'רוח טוב' וואס איז דא אין מיר, ס'איז אזוי פיל אויסגעמישט, דער טוב איז זייער אויסגעמישט מיט'ן רע - אויסגעמישט צוזאמען, דער טוב האט נישט אין זיך די כח - דאס געשמאקקייט - ווייל זיי זענען אויסגעמישט! און דער ענין פון 'התבודדות' איז אזא מין 'בירור', מברר זיין, נעם ארויס דיין טוב! האסט דאך 'א רוח טובה' - האסטו דאך אין זיך! '**לחפש ולבקש למצוא**' - געפונען די 'נקודה טובה', דאס איז א 'רוח טובה' וואס איז דא 'בקרבו'!

די התבודדות דארף אויך זיין מתוך 'שמחה', נישט נאר - ער זידלט זיך אוים גוט, ער איז זיך מבזה גוט, עס ווערט נאכנישט קיין תיקון דערפון! ער דארף 'זיך' געפונען, אז 'אין מיר' איז דא טוב אויך, אין מיר איז דא טוב - וואס דורך מיין טוב קען איך זיין א 'איש כשר'! אין מיר איז דא אזא מין טוב - איך קען זיין ממש א 'ירא השם' - דורך מיין טוב! נאר מיין טוב איז אויסגעמישט ביי מיר, איך דארף דעביוזען מיין אייגענע טוב - דורך התבודדות דעביווע איך מיין כח וואס האב אין זיך!

איך האב אין זיך אזא רוח טובה - און ס'איז 'אויסגעמישט', אז ער איז אויסגעמישט טוט ער גארנישט אויף! עס ווערט א 'דמיון' דערפון, מיין תורה ותפילה איז מיט 'דמיונות', רעד איך א ווארט - איז עס אהן 'הארץ', דער 'התבודדות' איז - - געוואלד!! איך האב דאך אין זיך א כח!! און איך קען זיין א איש כשר!! איך קען זיין!! פארקערט, איך דארף זיך אויפהייבן!! פארוואס נוץ איך נישט אוים מיין טוב וואס איז דא אין מיר?! פארוואס נוץ איך נישט אוים מיין כח וואס איך האב אין זיך?!

דער רבי זאגט אין תורה ל"א, אז אין יעדעם איז דא נקודה וואס איז א 'בחינת צדיק', וואס דארטן איז 'שורה אהבה דקדושה', פארוואס דעביווע איך נישט מיין אייגענע טוב וואס איז דא

אין מיר?! ווער לאזט מיך נישט?! ווייל ס'איז ארומגענומען מיט דמיון, מיט א דמיון פון א 'רוח רעה', מיט 'עצבות', מיט 'נארישקייטן', פארשטעלט עם מיר מיין הארץ!

די רבי טייטשט; 'מי צרר מים בשמלה' - אז ער בינדט איהם (דאס הארץ) צוזאם מיט א 'לבוש', דאן ווערט דאס הארץ פארדעקט פונעם רוח רעה, דעמאלטס קען ער שוין רעדן - איך רעד דאך מיט'ן הארץ - איז; 'שפכי כמים לבך'!

פארקערט, א מענטש דארף זיך אויפהייבן, ער דארף זיך משמח זיין, דאס איז א 'שמחה'! דורך 'התבודדות' דארף דער מענטש ווערן 'פריילעך', איך דעביווע מיינע כוחות, איך האב אין זיך כוחות! איך האב אין זיך כוחות!

דער רבי זאגט טאקע (ספר המידות, ערך כעס אות ל"ה); 'התבודדות שאינו כראוי' ברענגט צו 'כעס'! פלעגן אונזערע לייט טייטשן; ער זידלט זיך אוים, מער נישט! וואס ווערט דערפון?! גייט ער אוועק, ווערט ער ברוגז, ער לאזט נאך נאכדעם אוים דער כעס אויף יענעם! מיט א 'שמחה' דארף מען אוועק גיין! מיט א התחזקות דארף מען אוועק גיין! איך האב אין זיך 'טוב', איך קען נאך תשובה טוהן, איך קען נאך זיין א ערליכע איד, איך האב כוחות אין זיך!

דער בעל דבר וויל דאך נאר אריינברענגען אין מענטשן אריין, אז דער 'הרגל' מיינער איז א פארפאלענע זאך, איך בין אזוי מורגל, איך קען זיך שוין נישט איבערארבעטן, אזוי בין איך מורגל שוין 'יארן', שוין, פארפאלן! דאס איז אינגאנצן זיין כח (- פונעם בעל דבר).

'התבודדות' איז, איך זאל דעביווענען מיין כח - ניין! איך האב כח זיך צו איבערארבעטן, איך האב אין זיך אזא כח, איך האב אין מיר אזא מין אלוקות, נאר עס שלאפט ביי מיר דאס אלוקות, דארף איך עס נאר אויפוועקן! אויפוועקן מיין טוב וואס איז דא ביי מיר! איז טאקע א 'שמחה'!

'אל תהיה כפיל הגדול' - וואס ווייסט נישט פון זיין כח! (מתוך השיר נעים מרביז"ל שבתחלת ספר ליקוטי מוהר"ן). יעדער איינער האט אין זיך א כח צו מלחמה האלטן אנטקעגן זיינע שלעכטע מידות וואס ער האט אין זיך, אקעגן זיין רע וואס ער האט אין זיך - האט ער אין זיך א כח!

דער אויבערשטער וועט נישט קומען 'בטרוניא עם בריותיו', אראפשיקן א יצר הרע - און איך קען איהם בשום אופן נישט בייקומען - דאס קען נישט זיין אין דער וועלט! דאס איז א מין 'עצת הבעל דבר', ער רעדט אזוי איין, אבער ס'איז נישט אזוי! נאר וואס דען?! דער טוב מיינס איז פארשטעלט, ער איז אויסגעמישט, אויסגעמישט דער דמיון - רעדט די רבי דא - דער נגינה איז 'מברר זיין', מאכן א בירור!

אזוי ווי בגשמיות - די 'נגינה' איז מברר דעם רוח טוב - ווערט דערפון א 'ניגון'! דאס אייגענע איז התבודדות אויך, איך בין מברר די זאך; דאס איז 'טוב', און דאס איז 'רע', און דאס דארף מען

- זייער 'מגדיל זיין' דאס טוב, און זייער 'מחיה זיין' דאס טוב; אה, איך האב דאך אזא מין טוב אין זיך, אזא מין גוטס האב איך אין זיך! אזוי פאלט דאס רע אראפ - קען ער רעדן מיט'ן הארץ! אז מען איז אן 'עקשן' אין דער זאך - ברוב הזמן פאלט אוועק די דמיון זיינע!

דמיון איז דאך א געוואלד!!

זאגט דער רבי; **כִּי עִקַּר הַתְּשׁוּבָה הוּא, לְהַכְנִיעַ הָרוּחַ רָעָה, וּלְבָרֵר הָרוּחַ טוֹבָה כַּיָּדוּעַ**, וועמען מיינט דער רבי דא?! אין מיר איז דא א רוח רעה - און אין מיר איז דא א רוח טובה, און דער עיקר תשובה איז - איך זאל מכניע זיין דעם רוח רעה, און מברר זיין דעם רוח טובה וואס איז דא אין מיר! דער בעל דבר פארשטעלט מיר דעם רוח טובה, ער זאגט מיר אז דער רע איז גרעסער ווי דער טוב, האסט נישט קיין כוחות גיין קעגען איהם! ניין - זאגט דער רבי דא - זיי מברר דעם רוח טובה וואס ס'איז דא אין דיר, וועט דיר דער רעה אראפפאלן!

*

א מעשה געווען ביים רבי'ן ר' אלימלך, איינער א בעל תשובה איז געקומען צו ר' אלימלך, אין ער איז שוין געווען א 'טויטער' (חולה וחלש מרוב סיגופים), א 'מת' איז ער געווען! זאגט איהם די רבי ר' אלימלך; וואס האסטו מיר געבראכט? א מת? איך קען דאך גארנישט רעדן מיט איהם?! האט דער רבי ר' אלימלך געזאגט צום זוהן ר' אלעזר'ן; גיי, עטליכע וואכן גיב איהם עסן גוט, זאל ער קענען די וועלט, נאכדעם ועסטו איהם ברענגען צו מיר! האט ער איהם געגעבן עסן און טרינקען, נאכדעם האט ער מיט איהם גערעדט וואס מען דארף רעדן!

"וואס האסטו מיר געבראכט 'א מת'? דו גיי גיב איהם עסן, זאל ער קומען צו די כוחות, וועל איך קענען רעדן מיט איהם"!

אויך די זעלבע דא, דער ענין פון 'התבודדות' דארף זיין מיט 'שמחה', מען דארף זיך משמח זיין אז ס'איז דא אין מיר אזא מין טוב, וואס דאס טוב קען ביישטיין קעגן דעם רע, נאר איך וויים נישט פון מיין טוב, איך וויים נישט פון מיינע כוחות, (דארף מען -) רעדן צו זיך; ניין! דו זאלסט וויסן 'דו האסט אין זיך כוחות', 'דו האסט אין זיך כוחות'! דו קענסט זיין א 'איש כשר'! קענסט זיין א 'איש צדיק'! נאר נוץ מיט דיינע כוחות!!!

* * *

# דער 'כנור של דוד' וועקט...

**וְזֶה בְּחִינַת קִימָה בַּחֲצוֹת לַיְלָה, כִּי כִּנּוֹר הָיָה תָּלוּי לְמַעְלָה מִמִּטָּתוֹ שֶׁל דָּוִד, וְכֵיוָן שֶׁהִגִּיעַ חֲצוֹת לַיְלָה הָיָה מְנַגֵּן מֵאֵלָיו (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל בְּרָכוֹת ג:)** - דער רבי איז דא מודיע א נייע זאך, אין גמרא שטייט אז ס'האט געהאנגען א פידעלע ביי דוד המלך'ן ביים

בעט, איז פשט; אז דאס פידל איז דעמאלטס געווען - וואס האבן מיר היינט פון דעם פידעלע?! זאגט דער רבי אזוי; אז עס קומט 'חצות לילה' ווערט דערוועקט א 'כינור של דוד', אזא מין כינור של דוד, אז ס'איז געקומען חצות לילה האט זיך דערוועקט עפעס א 'כוח' - - -

זאגט דער רבי; **הַיְנוּ שֶׁבַּחֲצוֹת לַיְלָה אָז נִתְעוֹרֵר בְּחִינוֹת הַנִּגּוּן דִּקְדֻשָּׁה הַנִּמְשָׁךְ מִכִּנּוֹר שֶׁל דָּוִד**, דאס האט אריינגעבראכט 'דוד המלך', דוד המלך האט געמאכט דעם 'תהלים', דעם 'זמירות ישראל', האט ער אריינגעבראכט א כוח - אז ס'קומט 'חצות לילה' - איז טאקע ביים בעט הענגט (- די 'כנור של דוד'), מוז ער אראפגיין פונעם בעט!

אויבן ביים בעט הענגט א פידעלע, דאס פידעלע וועקט - זאגט דער רבי דא - ווערט דערוועקט דאס פידעלע! און דאס וועקט שוין אויף - טאקע 'למעלה ממטתו' - ביים בעט! ער ליגט דאך אין בעט, ער וויל נישט אויפשטיין - דערוועקט זיך דער כינור של דוד, דער ניגון דקדושה, און דאס וועקט איהם אויף!!

א געוואלדיגע התגלות איז דער רבי מודיע דא!! אז עס ווערט נמשך דער כוח פון 'כינור של דוד'!! דוד המלך האט געמאכט א כינור, דער כינור איז א שטענדיגע זאך, א תמידיות, עדי עד!!

*

וואס איז די ניגון דקדושה?! זאגט דער רבי; **שֶׁהוּא בְּחִינַת בֵּרוּר הָרוּחַ טוֹבָה וְכוּ' כַּנַּ"ל**, מברר זיין דאס טוב מיינס - וואס איז דא אין מיר, דאס מברר זיין, ארויסנעמען דאס, און דאס רע זאל אראפפאלן!

**וְעַל כֵּן אָז הַזְּמַן לְהִתְגַּבֵּר בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לָקוּם אָז לַעֲסֹק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ**, רעדט דער רבי אלץ אז די התבודדות איז אזא מין בירור, מברר זיין מיין טוב! דער בעל דבר וויל מיר (איינרעדן) אז איך האב גארנישט קיין טוב אין מיר, און די טוב וואס איז דא איז אויך אויסגעמישט - - - ניין! איך האב אין זיך טוב! נאר ס'איז ביי מיר אויסגעמישט.

**כִּי אָז עִקַּר הַבֵּרוּר עַל יְדֵי בְּחִינַת נִגּוּן בִּכְלֵי הַנַּ"ל, שֶׁהוּא בְּחִינַת כִּנּוֹר שֶׁל דָּוִד** -דאס איז די כלי הנ"ל, **שֶׁמְּנַגֵּן אָז כַּנַּ"ל. וְהָבֵן הֵיטֵב דְּבָרִים אֵלּוּ לְמַעֲשֶׂה:**

*

א געוואלדיגע התגלות איז דער רבי דא מודיע, דער 'כינור של דוד' איז א זאך - א דבר התמידי, ביי יעדעם איינער הענגט ער 'למעלה ממטתו' - דער כינור - ער הענגט דארטן, אז עס קומט 'חצות', דערוועקט ער זיך, ער הייבט אן שפילן - בכוח פון דעם צדיק! אז דער

אויבערשטער העלפט, דערהערט מען דעם "אה" - ער געבט א 'וועק' - "מען דארף אויפשטיין"! "מען דארף אויפשטיין"! "עורה הנבל וכינור"! - א פידעלע, א אנדערע סארט פידעלע! (די 'פידעלעך' וועקן גארנישט...)

אזא מין סארט פידעלע, אזא מין סארט כינור, דאס איז די כלי הנ"ל, דאס איז טאקע די כלי הנ"ל, אזא מין כוח, עס גיבט א 'וועק'!

דוד המלך האט געמאכט - 'נעים זמירות ישראל' - דאס איז די 'תהלים', איז עס דאך א 'דבר הקיים לעד'! דער כוח פון 'תהלים' - דער 'כינור' - איז אויך א מין 'ניגון', א 'נעים זמירות', א מין ניגון א דבר הקיים לעד, אזא מין סארט כינור האט ער געמאכט, דער 'כינור' איז א 'קיים לעד', אז עס קומט חצות הייבט ער אן שפילן!!

*

עס שטייט פונעם קאזניצער מגיד, אז די גמרא (ברכות ג' ע"ב) זאגט אז ס'איז געקומען אינדערפרי, איז אריינגעקומען די זקנים; 'עמך ישראל צריכין פרנסה'![1] ווייזט עפעס אויס פון לשון הגמרא, אז אזוי איז געווען די סדר אלע נאכט; אויפגעשטאנען חצות, אינדערפרי זענען זיי אריינגעקומען 'עמך ישראל צריכין פרנסה'! אזוי קוקט עס אויס פון די גמרא. זאגט ער; 'היעלה על הדעת' אז אזוי איז געווען?!

זאגט דער קאזניצער מגיד, דוד המלך איז דאך געווען דער מנהיג הדור, אז ס'איז געקומען אינדערפרי האט ער געזאגט צום אויבערשטן; רבונו של עולם, 'עמך ישראל צריכין פרנסה'! עס איז איהם אריינגעקומען 'בלב', עס איז איהם אריינגעקומען ישראל 'בלבו' - אז ער זאל זאגן פאר'ן אויבערשטן 'עמך ישראל צריכין פרנסה'! - דער רבי זאגט טאקע אז פון 'מלכות' נעמט זיך 'פרנסה' אין תורה ז' (תניינא) - און דער מלך איז מחויב צו בעטן פאר'ן כלל ישראל 'פרנסה', איז אריינגעקומען 'בלבו' אז ער זאל זאגן צום אויבערשטן 'עמך ישראל צריכין פרנסה'!

* * *

**זֹאת הַתּוֹרָה נֶאֶמְרָה בְּשַׁבָּת חֲנֻכָּה. וְאַחַר שֶׁאָמַר הַתּוֹרָה הַזֹּאת אָמַר: אֲנִי אָמַרְתִּי עַתָּה, אֵיךְ מַדְלִיקִין נֵר חֲנֻכָּה, בְּחִינַת לְאַמְשָׁכָא מְשַׁח רְבוּת קֻדְשָׁא וּלְאַדְלָקָא בּוּצִינָא (זֹהַר בְּרֵאשִׁית ל"א וַיִּקְרָא ז' שְׁמִינִי ל"ז אֱמֹר פ"ח ק"ד בְּהַעֲלוֹתְךָ קנ"ד) "שֶׁמֶן מִשְׁחַת קֹדֶשׁ" (שְׁמוֹת ל'), שֶׁהוּא הַדַּעַת כַּיָּדוּעַ. הַיְנוּ בְּחִינַת הַגְדָּלַת הַדַּעַת הַנַּ"ל שֶׁהוּא בְּחִינַת זִכָּרוֹן הַנַּ"ל. וְלֹא בֵּאֵר יוֹתֵר:**

---

[1] ז"ל הגמ' שם; ... כנור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד, וכיון שהגיע חצות לילה בא רוח צפונית ונושבת בו ומנגן מאליו, מיד היה עומד ועוסק בתורה עד שעלה עמוד השחר, כיון שעלה עמוד השחר נכנסו חכמי ישראל אצלו, אמרו לו, אדונינו המלך, עמך ישראל צריכין פרנסה, אמר להם לכו והתפרנסו זה מזה וכו'...

(שַׁיָּךְ לְעֵיל) מִי אָסַף רוּחַ בְּחָפְנָיו מִי צָרַר מַיִם בַּשִּׂמְלָה וְכוּ' כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ (תְּהִלִּים קמ"ז): "יַשֵּׁב רוּחוֹ - דעמאלטס איז - יִזְּלוּ מָיִם", עַל יְדֵי יַשֵּׁב רוּחוֹ, שֶׁמְּלַקֵּט וּמְאַסֵּף הָרוּחַ בְּיָדוֹ, עַל יְדֵי זֶה יִזְּלוּ מָיִם, דעמאלטס רינט זיך - 'שפכי כמים לבך'! בְּחִינַת מִי צָרַר מַיִם, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַלֵּב, בְּחִינַת: "שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ" כַּנַּ"ל, עַיֵּן שָׁם. ווען איז 'יזלו מים' - דאס הארץ זאל גיסן מיט רייד?! אז 'ישב רוחו', אז ער איז מיישב דעם רוח, ער איז מברר דעם רוח טובה, דעמאלטס 'יזלו מים' גיסט זיך וואסער - 'שפכי כמים לבך'!

*

[גם כאן חסר, והושלם משנת תשל"ח]

כְּלַל הָעִנְיָן, הוּא מַה שֶּׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (פְּסָחִים ס"ו נִדָּה י"ט:) אֵין אָדָם דָּן גְּזֵרָה שָׁוָה מֵעַצְמוֹ. כִּי יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהוּא דָּן גְּזֵרָה שָׁוָה מֵעַצְמוֹ, וְהוּא מִכֹּחַ הַמְדַמֶּה. שֶׁמְּדַמֶּה מִלְּתָא לְמִלְּתָא כַּנַּ"ל עַיֵּן שָׁם. עַל כֵּן אָסוּר לָדוּן גְּזֵרָה שָׁוָה, הַיְנוּ לְדַמּוֹת מִלְּתָא לְמִלְּתָא, מֵעַצְמוֹ. אֶלָּא אִם כֵּן קִבְּלָהּ מֵרַבּוֹ, וְרַבּוֹ מֵרַבּוֹ, עַד מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, מִפִּי הַגְּבוּרָה, כְּדֵי לְהִנָּצֵל מִכֹּחַ הַמְדַמֶּה וְהָבֵן:

וואס איז היינט א שייכות צו אונז דאס דאזיגע?! נאר אז מ'רעדט עפעס אן עצה פונעם רבי'ן, דארף עס האבן א התקשרות צום רבי'ן - 'עד משה רבינו'! דאס איז א 'בירור', נישט קיין 'מדמה'! מאכן זיך אליין - אליין מאכן זיך זאכן?! קען זיין ס'איז גאר 'מדמה'! ער מיינט ס'איז גאר א גאנצע זאך - ס'איז גאר מדמה, ס'איז גאר מדמה!! עס דארף האבן א 'יסוד', עס דארף גיין צו - ביז 'משה רבינו' - מבורר, ס'זאל נישט זיין קיין מדמה!

יעדע עצה פונעם רבי'ן - רבי נתן שרייבט אין די מכתבים - 'פלטין של אמת'[א], יעדע עצה פונעם רבי'ן איז א אמת'ע זאך, א אמת'ע עצה, ס'דארף גיין מיט א התקשרות צום רבי'ן, דאס הייסט; איך מאך נישט פון זיך אליינס די זאך - איז עס א ריינע זאך - 'אמת'! און מען ווערט ניצול פון מדמה!

[עד כאן משנת תשל"ח]

*

- - 'פרעה' איז דאך די 'כח המדמה', דער 'חלום', 'פרעה' האט זיך געשטארקט, אבער 'יוסף הצדיק' האט מכניע געווען דאס רע וואס ס'איז געווען אין דעם חלום - א חלום געווען פון 'רעב', 'ולא נודע כי באו אל קרבנה', האט 'ער' מכניע געווען דאס רע!

---

[א] ז"ל בעלים לתרופה מכתב י"ד: ... מַה אֹמַר לְךָ אָחִי, מְעַט אַתָּה יוֹדֵעַ אֲשֶׁר בִּלְבָבִי, יוֹתֵר מִזֶּה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב, אִם תִּרְצֶה נְקֻדַּת הָאֱמֶת, אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַכֶּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים תַּחְפְּשֶׂנָּה, תְּבַקֵּשׁ הָאֱמֶת בְּהַפָּלְטִין שֶׁל אֱמֶת, הַנִּבְנֶה עַל יְדֵי אַנְשֵׁי אֱמֶת, עַל יְדֵי בַּעַל אֱמֶת, אָז תָּבִין יִרְאַת ה' וְדַעַת אֱלֹקִים תִּמְצָא. וּבְוַדַּאי אַתָּה יוֹדֵעַ וּמֵבִין אֶת אֲשֶׁר אֲנִי מְרַמֵּז לְךָ, כִּי עִנְיַן הַפָּלְטִין שֶׁל אֱמֶת מְבֹאָר מְעַט בְּסוֹף הַסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת...

ווייזט אוים אז דער כינור טאקע, דעמאלטס שפילט ער - דעמאלטס אז ס'קומט חצות הייבט ער אן שפילן! אזוי - שפילט ער נישט, נאר וואס דען, וויבאלד אז מ'הערט עס דעמאלטס שפילן, ממילא שפילט ער שוין שפעטער אויך!

די לשון הגמרא; 'כיון שהגיע חצות היה מנגן' - דעמאלטס 'הייבט ער אן' שפילן, און דער שפילן גייט שוין אויף 'א גאנצער טאג', אבער ווען הייבט ער אן שפילן?! דער רבי זאגט אין תורה ג'; 'כד איתפלג ליליא' - גייט ארוים א כרוז - **'כצפרים האחוזות בפח, כהם יוקשים בני אדם'**! איז דאך אויך דאס אייניגע; אז ס'קומט האלבע נאכט, גייט ארוים א כרוז - זאגט דער זוהר הקדוש - 'אזוי ווי פייגלעך וואס כאפן זיך אריין אין נעץ, אזוי ווערן געכאפט מענטשן'!

אז עס קומט די האלבע נאכט, איז עפעס מסוגל אז מען זאל הערן דעם כרוז; "אוי, כאפט זיך נישט אריין אין דעם נעץ אריין, אזוי ווי פייגלעך כאפן זיך אריין אינעם נעץ, ווערן זיי ארייגעכאפט" - זאגט די זוהר הקדוש - "כד אתפליג ליליא" גייט ארוים אזא מין כרוז!

פארוואס פונקט 'כד אתפליג ליליא'?! איז דער תירוץ; דעמאלטס איז אזא מין 'עת רצון', אזא מין הייליגער זמן, אז מען וועקט דעם מענטשן; זעה לאז דיך נישט אריינכאפן אין דער נעץ אריין! אזוי ווי די פייגלעך כאפן זיך אריין, אזוי כאפן זיך אריין 'בני אדם'!! ווען הערט מען דעם כרוז?! אין א גרויסער עת רצון הערט מען דעמאלטס דעם 'כרוז' - אזוי איז דאס אייניגע מיט דעם 'כינור של דוד' אויך!!

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן!!